STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08230

TSEN KOPIKES

Hayim Lieberman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צען קאָפּיקעס

אַן אמת׳ע מעשה מיט דריי אינגעלאך
און זייער גרויסער ליבשאַפט צו
ארץ ישראל, מיט אַ שיינעם
מוסר השכל פאַר אַלע
א י ד י ש ע קינדער,
קליינע און גרויסע
דערציילט

— פון —

חיים ליבערמאַן

אום פּאָבלישינג קאָ.
ניו־יאָרק, נ. י.
תשי״ג

Copyright, 1953 by
CHAIM LIEBERMAN
New York, N. Y.

OM PUBLISHING COMPANY

22 Ludlow Street, New York 2, N. Y.

1953

געווידמעט
מיין אייניקל
שמחה׳לען

צו
עליזה גרינבלאַט
[illegible]
[illegible]
אַ מתנה

פֿון חיים לייבמאַן

נ.ב. אין [illegible]
פֿאַר מר. גרינבלאַט..

א.

צען קאָפּיקעס

איך וויל אייך, ליבע אידן, דערציילן אַ מעשה מיט צען קאָפּיקעס. עס איז אַ מאָדנע מעשה ווי אַזוי צען קאָפּיקעס האָבן זיך אַריינגעקייקלט צו אַ אידן, האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אים און זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון אים דאָס גאַנצע לעבן. ניט זיי פון אים, ניט ער פון זיי. זיי זיינען געגאַנגען וואוהין ער איז געגאַנגען, זיי זיינען אים נאָכגעפאָרן וואוהין ער איז געפאָרן, אַזש ביזן סאַמע עק וועלט. היינט די וואונדערלעכע זאַכן, וואָס דער איד האָט אויפגעטאָן מיט זיי...

דער איד — דאָס בין איך טאַקע אַליין, און די מעשה דערצייל איך אייך טאַקע פון זיך.

און אפשר ווייסט מען גאָרניט אין אייערע מקומות וואָס און וויפיל צען קאָפּיקעס זיינען? וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין. אַ „קאָפּיקע" איז אַ רוסישע מטבע, און צען קאָפּיקעס וועלן אויף אַמעריקאַניש געלט אויסמאַכן אַרום צען סענט. און אויף אידיש געלט פון מדינת ישראל וועט עס באַטרעפן אַ קיימאַ־לן פון אַ צען גרוש.

ווען די מעשה האָט זיך אָנגעהויבן פּאַרלויפן, בין איך נאָך געווען גאָר, גאָר אַ קליין אינגל. נאָך אפילו קיין רש"י ניט געהאַט געלערנט. אַ קליין אינגל אין אַ קליין שטעטעלע. אַ אידיש שטעטעלע אין אַלטן רוסלאַנד, ווען דאָרט זיינען נאָך אידישע שטעטעלעך געווען. אוי, געווען — און מער ניטאָ!..

ניט קיין געווינלעכע צייט איז דעמאָלט געווען אין דעם קליינעם שטעטעלע. דאָס פּיצל שטעטעלע איז דעמאָלט גראָד פּלוצלינג אַזוי ווי גרויס געוואָרן, אויסגעוואַקסן ביי גאָט. און ניט ווי עס וואָלט געשטאַנען אויף דער ערד איז עס געווען, נאָר גלייך ווי עס וואָלט איבערנאַכט פליגל געקראָגן און וואָלט געשוועבט אין די וואָלקנס, געפלויגן איבער זיינע אייגענע דעכער און קוימענס, צוזאַמען מיט זיינע אידן. און אונז קליינוואַרג האָט זיך אויך געדאַכט אַז מיר זיינען געוואָרן גרויסע, און מיר פליען אויך אינאיינעם מיט אונזערע טאַטעס...

וואָס אַזוינס איז געשען מיט דעם שטעטעלע?

פון דער גרויסער וועלט האָבן זיך אַהער דערטראָגן זייער מאָדנע

נייעסן. מען האָט געשמועסט, אַז די גאַזעטן אין וואַרשע, קיעוו, אָדעס שרייבן, אַז די אידן פון דער גאָרער וועלט ווילן זיך צונויפנעמען, מאַכן יד־אחת, אָפּקויפן ארץ־ישראל ביים טערק, נעמען קינדער און רינדער, האַק און פּאַק, איבערלאָזן דעם גלות מיט אַלע זיינע צרות, און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, קיין ציון וירושלים. און דערציילט האָט מען, אַז גרויסע אסיפות ווערן שוין אָפּגעהאַלטן דערוועגן, און אַז מען לויפט צו מלכים און שררות אַלערליי, אַלץ וועגן דעם ענין. און וועלן די שררות מסכים זיין איז מה־טוב, און טאָמער ניט, האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט אין הימל וועט ער אונז העלפן אָן די שררות, און מיר וועלן אַליין, מיט די אייגענע כוחות, קומען אַהין...

אַ קיצור, עס איז משיחס צייטן, און מען וועט באַלד דערלעבן דעם סוף צום גלות.

און אַז די אידן פון מיין שטעטעלע האָבן עס דערהערט, זיינען זיי גע־וואָרן גאָר אַנדערע אידן. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אָנגעטרונקען מיט ארבע כוסות. וואו מען איז ניט געגאַנגען, האָט מען געזען רעדלעך אידן שטיין מיט פאַרפלאַמטע פּנימער און זיך היצן. אין שול ביים דאַווי־נען איז געווען, להבדיל, ווי אויף אַ יאַריד. דער שמש פּלעגט האַלטן אין איין קלאַפּן אויפן באַלעמער: „אסור לדבר בשעת התפילה״! דער עולם פלעגט זיך קוים דערוואַרטן אויפן עלינו. דעם לעצטן קדיש יתום האָט שוין, נע־בעך, קיינער ניט געהערט...

אידן האָבן ממש געזען בחוש ווי די גאולה קומט־אָן און זיינען געשטאַ־נען גרייט צו לויפן קיין ארץ־ישראל. נאָר וואָ׳דען, עס איז דאָ איין גרויסע מניעה: מען דאַרף האָבן אַ סך געלט... דער טערקישער סולטאַן פאַר־לאַנגט אַ שלל מיט געלט...

נאָך שטאַרקער ווי ביי די גרויסע האָבן געקלאַפּט די הערצלעך ביי אונז אינגעלעך פון שטעטל. מיט פאַרריסענע קעפּלעך פלעגן מיר שטיין אַרום די רעדלעך טאַטעס און שלינגען זייערע רייד פון משיחס צייטן און הערן זייערע טענות און וויכוחים. אָבער מיר קינדער האָבן זיך געהאַט אונזערע אייגענע וויכוחים און מחלוקות, און זאָל אונז צו קיין גנאי ניט זיין — אפילו געשלעגן...

— צו וואָס דאַרף משיח געלט? — האָט געטענהט יאָסעלע — איז ער ניט גענוג שטאַרק ער זאָל צונעמען ארץ־ישראל אָן געלט? ער קען געבן אַ געשריי אין דעם סולטאַנס פּאַלאַץ וועט איינפאַלן אין איין שמיי־דריי, אַזוי ווי די ווענט פון יריחו...

יאָסעלע איז שוין געווען אַ רש״י־אינגל. ער האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י, און אפילו מיט אויסריידעכץ. יאָסעלעס קשיא האָט פאַרענט־פערט שלמה נעבע רייזעלס. שלמהקע איז שוין געווען אַ גמרא־אינגל.

ערשטנס, איז ער געווען אַ היפּש ביסל עלטער פון מיר און יאָסעלען. צווייטנס, האָט ער טאַקע געהאַט אַ בעסערן קאָפּ. און אַ גרויסער וועלער איז ער געווען. פינף בלאַט גמרא האָט ער שוין געהאַט אָפּגעלערנט. און אַז ער פלעגט זיך פאַנאַנדערזיזינגען איבער דער גמרא, אוי, האָבן מיר אים מקנא געווען!..

— הלמאי משה רבנו?! — האָט ער געענטפערט יאָסעלען — ווען משה רבנו האָט געפירט די אידן קיין ארץ־ישראל, האָט ער אויך געזאָגט צו אדום: ונתתי מכרם, לאָז מיר דורכגיין דיין לאַנד און איך וועל דיר באַצאָלן...

— משיח איז שטאַרקער פון משה רבנו — האָט געטענהט יאָסעלע.

— ניין, משה רבנו איז שטאַרקער — האָט שלמהקע זיך ניט אונטערגעגעבן.

אָט אַזוי האָבן אינגלעך זיך אַרומגעקריגט, און וואָס איינער האָט נאָר געקענט אין לערנען, האָט ער אַריינגעבראַקט אין די וויכוחים.

דערווייל האָט מען אין שטעטל געהערט, אַז דאָרטן, אין דער וועלט, קומט מען ניט אָפּ מיט רייד און מען זיצט ניט מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר עס זיינען שוין געוואָרן חברות, וואָס קלייבן געלט כדי אויסצולייזן ארץ־ישראל פון דעם טערק, און אַז יעדן טאָג ווערן אַלץ נייע און נייע חברות, און אַז מען האָט שוין צונויפגעקליבן כמה אלפים ר״ד. און אַז מען פאָרט שוין אפילו, אידן פאָרן שוין קיין ארץ־ישראל! און מען האָט גערעדט כלומרשט, אַז יעדער איד, וואָס וויל זיין פון די ערשטע זוכה צו זיין צו דער גאולה, דאַרף אַריינלייגן די האַנט אין קעשענע. אַזעלכע אידן וועלן קריגן די ערשטע חלקים אין ארץ־ישראל.

— אַזוי ווי דער שבט ראובן און דער שבט גד און דער האַלבער שבט מנשה ביי משה רבנו! — איז אונז שלמהקע מסביר פון דער תורה...

דערהערנדיק, אַז מען דאַרף האָבן געלט, איז אונז אינגלעך זייער אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן, מיר און מיינע צוויי חברים יאָסל און שלמהקע, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז אונזערע טאַטעס זיינען גרויסע אָרימעלייט און האָבן אפילו ניט אויף שבת, מכל שכן אויף ארץ־ישראל. און אַ פּחד איז אונז באַפאַלן: אַלע אידן וועלן אַוועקגיין קיין ארץ־ישראל און מיר מיט אונזערע טאַטעס וועלן אפשר בלייבן אין שטעטל...

— אויף ארץ־ישראל איז בילכער ווי אויף שבת — זאָגט יאָסל.

— ניין, אויף שבת איז בילכער — שפּאַרט זיך איין שלמהקע.

און עס ווערט ווידער אַ וויכוח, ביז יאָסל רופט זיך אָן:

— ווייסט איר וואָס, אינגלעך, לאָמיר אויך מאַכן אַ חברה פאַר ארץ־ישראל!

— לאָמיר, לאָמיר! — האָב איך אונטערגעכאַפּט מיט פרייד.

שלמהקען איז אויך געפעלן געוואָרן דער געדאַנק, נאָר אַ גרעסערער בעל־תכלית פון אונז אַלעמען, נעמט ער זיין גאָמבע אין דער האַנט, גלעט זי גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, און מאַכט מיט אַ גמרא־ניגון:

— און וואָס וועלן מיר אַריינלייגן אין טעפּל?

— גאָט וועט העלפן — זאָגט יאָסל — אַ איד דאַרף האָבן בטחון...

— אַז גאָט גיט אויף שבת, וועט ער געבן אויף ארץ־ישראל אויך — האָב איך, דער קלענסטער פון די דריי, געקראָגן קוראַזש צו זאָגן.

און אַזוי איז געבליבן. טאַקע דאָרט אויף אָן אָרט האָבן מיר געגרינ־דעט אַ חברה, און מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן: „בני ציון וירושלים". און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, אַז מיר האָבן געמאַכט אַזאַ חברה און אַז מיר קלייבן געלט אויף ארץ־ישראל.

עס איז געווען יאָסעלעס דעה, אַז מיר זאָלן האַלטן אונזער חברה בסוד, און ער האָט אונז געגעבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס:

— וואָרים אַז אונזערע טאַטעס וועלן וויסן, אַז מיר האָבן געלט, וואָס טוען מיר, אַז זיי קומען ערב שבת און זאָגן: „אַנטלייט עס אונז אויף שבת"!

— און מען וועט מוזן אַנטלייען, — האָב איך מוסיף געווען — צוליב כיבוד אָב.

— און פאַרוואָס נאָר צוליב כיבוד אָב? — האָט זיך שלמהקע אויפגע־כאַפּט — און וואו איז טאַקע לכבוד שבת? — און מעשה למדן האָט ער מוסיף געווען:

„איך בין נאָך אַלץ ניט זיכער, צי שבת איז ניט בילכער ווי ארץ־ישראל". דערנאָך, אויסציענדיק די ווערטער מיט טראָפּ האָט ער געזאָגט: „מ ע ן ו ו ע ט ד אַ ר פ ן אַ ר י י נ ק ו ק ן א י ן ד י ס פ ר י ם".

— זעט נאָר — האָט יאָסעלע ווייטער איינגעטענהט — אַז מיט אונ־זער ארץ־ישראל געלט זאָל ניט זיין דאָס אייגענע, וואָס מיטן חנוכה־געלט: אַ גאַנצע וואָך פאַר חנוכה נייט מען זיך אַ בייטעלע; אָפּגעבענטשט דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל גיט דער טאַטע אַ פּאָר גראָשן חנוכה־געלט, און היינט וואו זיינען די פעטערס און די מומעס? נאָר אויף מאָרגן קומט צוגיין די מאַמע און באָרגט עס אַוועק.

— איך וועל אייך אָפּגעבן צוריק, זאָגט זי, — האָב איך זיך אַריינגע־מישט — נאָר מער קוקט מען עס אין די אויגן ניט אָן.

— דו מיינסט דען, אַז אונזערע מאַמעס ווילן אויסנאַרן דאָס געלט?

— האָט שלמהקע מיר פאַרריכט. — דאָס איז דאָך לשון־הרע. זיי האָבן טאַקע נעבעך ניט...

— דערפאַר וויל מען דאָך אַוועק פון גלות — האָט יאָסעלע געזאָגט פאַרטראַכט.

בקיצור, עס איז געבליבן בהסכם כולם, אַז מיר האַלטן עס בסוד.

און באַשלאָסן האָבן מיר, אַז אין דער חברה איז יעדערער פון אונז מחויב אַריינצוטראָגן אַ קאָפּיקע אַ חודש.

און אַז מיר האָבן דאָס אַלץ אָפּגערעדט און אָפּגעמאַכט צווישן זיך, האָבן מיר זיך דערפילט עפּעס ווי גאָר אַנדערע אינגלאַך. מיר האָבן זיך דערפילט ווי מיר וואָלטן יענעם טאָג געוואָרן בר־מצווהס. און אונז איז געווען זייער גוט אויפן האַרצן, אַזוי גוט, אַז עס האָט זיך געוואָלט לויפן אין אַלע גאַסן און דערציילן אַלע אינגלעך פון די אַנדערע חדרים. נאָר מען האָט עס ניט געטאָרט אויסזאָגן. און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מיר זאָלן שוין פון היינט־אָן זיין גוט און פרום, און זיך נעמען שטאַרק צום לערנען, און טאָן אַ סך מצוות, און מיר זאָלן דאַווענען מיט גרויס כוונה און גאָט בעטן ער זאָל צושיקן אונזערע טאַטעס געניג פּרנסה, עס זאָל קלעקן אי אויף שבת, אי אויף ארץ־ישראל, זיי זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו אונזער געלט אויף שבת, און אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו גיין קיין ארץ־ישראל גלייך מיט אַלע אידן.

עס איז אונז דרייען דעמאָלט געווען אַזוי גוט איינער מיטן אַנדערן, אַז מיר האָבן זיך גאָרניט געקענט פּאַנאַנדערגיין. נאָר מען האָט געמוזט גיין אַהיים שלאָפן. און איידער מיר זיינען זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען, האָבן מיר נאָכאַמאָל אַרומגערעדט אַלע פּלענער, און מיר האָבן זיך געגעבן אַ הייליקן שבועה און געטאָן אַ נדר, אַז ווען מיר וועלן אם ירצה השם גיין קיין ארץ־ישראל זאָלן מיר נאָר גיין אַלע דריי אינאיינעם, איינער אָן דעם אַנדערן זאָל ניט גיין, און ווען מיר וועלן פון וויטנס דערזען די שפּיצן פון ירושלים זאָלן מיר זיך למען השם נעמען פאַר די הענט, און אַזוי האָפּער־דיק אַריינקומען גלייך קיין ירושלים...

— און אויכעט, אַז מיר וועלן קומען צו דער פּאַפּירענער בריק, זאָלן מיר גיין אַלע דריי פאַר די הענט—האָט געזאָגט יאָסעלע,—און מיר זאָלן גיין איבער דער בריק פּאַמעלעך, ניט אַריבערצולויפן צו־גיך...

— און איך וואָלט געוואָלט מיר זאָלן אַריבערגיין די בריק עטלעכע מאָל הין און צוריק — האָב איך זיך דערוועגט אַריינצוזאָגן.

— און לאָזן ארץ־ישראל וואַרטן? — האָט אונזער תלמיד חכם, שלמהקע, זיך צעקאָכט אַזוי ווי מיט אַ בייזקייט — אָפּציען די גאולה נאָך לענגער? דער אידישער גלות איז שוין געניג לאַנג...

— און מיר וועלן אויסטאָן די שיך און גיין איבער דער בריק באָר־וועס! — האָב איך געזאָגט און האָב געפּליעסקעט מיט די הענט פון פריידן — עס וועט זיין אַזוי ווייך צו גיין באָרוועס אויף דער פּאַפּירענער בריק...

שלמהקען איז דער געדאַנק שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— אוודאי, — האָט ער געזאָגט — סיי־ווי וועט מען אַזוי טאָן. אַלע

אידן וועלען אַזוי טאָן, ווי אין פּסוק שטייט: של נעליך מעל רגליך, וואַרף אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס, וואָרים דאָס אָרט אויף וועלכן דו טרעטסט איז הייליק, און די פּאַפּירענע בריק, וואָס משיח וועט מאַכן, וועט דאָך זיין הייליק...

דאָ איז יאָסעלען פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ קשיא, גאָר אַ זייטיקע קשיא: — וויבאַלד, אַז אויף דער בריק, וואָס משיח וועט מאַכן, וועט מען דאַרפן גיין באָרוועס, מחמת זי איז הייליק, פאַרוואָס־זשע גייען מיר אין שיך אויף דער ערד, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, און זי איז דאָך אויך הייליק?

שלמהקע האָט ניט געפונען קיין ענטפער. — מען וועט דאַרפן אַריינ־קוקן אין די ספרים, — האָט ער געזאָגט.

— און איך האָב אויך אַ קשיא! — האָב איך אויסגעשריען, און אַזש אונטערגעטאַנצט — אַז משיח וועט קומען, וועלן דאָך בולקעס וואַקסן אויף דיביימער; וואָס פאַר אַ ברכה וועט מען דאַרפן מאַכן: המוציא לחם מן הארץ אָדער בורא פרי העץ?

ווידער איז שלמהקע געבליבן אָן אַן ענטפער. נאָר נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער געזאָגט:

— דעמאָלט וועט דאָך אליהו הנביא אויכעט קומען, און ער וועט אונז שוין זאָגן וואָס פאַר אַ ברכה מען וועט דאַרפן מאַכן.

אונזער אָפּריידעכץ איז געווען אין בית המדרש, און געפילט האָבן מיר, אַז וואָס מיר האָבן גערעדט איז געווען גלייך ווי מיר וואָלטן גערעדט פאַרן ארון קודש, און די שבועה וואָס מיר האָבן זיך געשוואָרן איז געווען גלייך ווי געשוואָרן איבער אַ ספר תורה. אַזוי איז עס געווען אין אונזערע אויגן.

אין זיבעטן הימל פון התפעלות זיינען מיר זיך יענעם זומער פאַר־נאַכט צעגאַנגען אַהיים. אַז די מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך דער־שראָקן, אַזוי האָבן מיר געפלאַמט די באַקן. זי האָט מיר אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן און געלייגט אין בעט אַריין שלאָפן.

יענע נאַכט האָט קיינער פון אונז דריי קיין אויג ניט צוגעמאַכט. מען האָט זיך געוואָרפן אויף די געלעגערס און אין מוח האָט געעגבערט: מאין יבוא עזרי? גוואַלד, וואו נעמט מען די ערשט קאָפּיקע?

און יעדערן פון אונז האָט זיך אַזוי געוואָלט זיין דער ערשטער...

ב.

די ערשטע קאָפּיקע

די ערשטע קאָפּיקע אין אונזער קאַסע האָט אַריינגעבראַכט שלמהקע. עס איז אים באַשערט געווען דער גרויסער זכות.

געבראַכט האָט ער לכתחילה נאָר אַ האַלבע קאָפּיקע, אַ גראָשן, הייסט

עס. נאָר אינגאַנצן מיט איין וואָך שפּעטער האָט אים ווידער אָפּגעגליקט און ער האָט געבראַכט נאָך אַ גראָשן. איז שוין געוואָרן אַ גאַנצע קאָפּיקע, בשעת איך און יאָסעלע האָבן נאָך אפילו צו קיין איינציקע גראָשנס אויך ניט אַריינגעבראַכט.

— און איין גאָט ווייסט ווען מיר וועלן נאָך אַריינברענגען — האָט געזאָגט יאָסעלע צו מיר ווען שלמהקע האָט ניט געהערט.

— אַ איד דאַרף האָבן בטחון, — ענטפער איך אים אַזוי ווי מיין טאַטע פלעגט ענטפערן מיין מאַמען ווען זי פלעגט ריידן וועגן פּרנסה.

וועט איר דאָך אפשר פרעגן: סטייטשע, מה היום מיומים? מיט וואָס איז עס שלמהקע געווען אַ גרעסערער בריה ווי יאָסעלע און איך אינאיינעם?

איז דער תירוץ: מזל. שלמהקען האָט צוגעדינט דאָס מזל.

שלמהקעס טאַטע, דאַרפט איר וויסן, איז, ניט דאָ געדאַכט, ניט פּאַר קיין שום אידיש קינד געדאַכט, געווען אַ קאַליקע. איין פוס איז ביי אים, נעבעך, געווען אינגאַנצן געליימט, און מיטן אַנדערן פוס האָט ער זיך אויך קוים געקענט שלעפּן. פלעגט ער גאַנצע טעג זיצן אויפן גאַניק אין אַן אויסגעבעטער שטול און קוקן ווי מענטשן גייען פאַרביי, לויפן הין און הער, האַווען, שמייען, זוכן פּרנסה פּאַר ווייב און קינדער, און ער קען זיך נעבעך ניט רירן. געווען מענטשן וואָס פּאַר רחמנות פלעגן זיי אַרויפקומען צו אים אויפן גאַניק, זיך צוזעצן און שמועסן אַביסל. און געווען מענטשן וואָס פּאַר צער פלעגן זיי אויסמיידן דאָס הויז און גיין אַרום און אַרום כדי ניט אָנצוקוקן דעם גאַניק מיטן טרויעריקן ר׳ זלמן זיצנדיק.

איז שלמהקעס מאַמע, נעבעך רייזל, געווען די ברויטגעבערין פּאַר איר מאַן און זייער בן־יחיד.

געהאַט האָט זי אַ סך פּרנסות, געטאָן וואָס עס פלעגט איר קומען צו דער האַנט, נאָר קיין ברויט צו דער זאַט איז קיינמאָל ניט געווען. פלעגט זיך מאַכן, אַז איין מאָל אַ וואָך, און אַמאָל אַ וואָך איבער אַ וואָך, פלעגט זי אויפשטיין פאַרטאָג און אַוועקגיין אין דאָרף אַריין, דאָרט איינהאַנדלען עט־לעכע עופות, אַביסל אייער, און ברענגען צו שלעפּן אין שטעטל אַריין און פאַרקויפן אידן אויף שבת, און עפּעס פאַרדינען.

אין יענע טעג ווען נעבעך רייזל פלעגט גיין אין דאָרף אַריין, פלעגט שלמהקע ניט גיין פון חדר אַהיים עסן מיטאָג. צו וואָס דען? די מאַמע איז דאָך סיי־ווי ניט געווען אין דער היים, און דער טאַטע וואָלט נאָר גע־האַט צער וואָס ער קען פון שלמהקעס וועגן זיך ניט געבן קיין ריר. און דערצו איז טאַקע דער חדר געלעגן ווייטלעך, און אַמאָל מאַכט זיך אַ רעגן, און ווינטערצייט אַ שניי...

פלעגט די מאַמע אָנגרייטן עפּעס עסן פאַרן טאַטען, און שלמהקען פלעגט זי געבן מיטאָג מיטצונעמען אין חדר אַריין.

און וואָס איז געווען דער מיטאָג? אַ פּאָר פּעניצן ברויט, און צום ברויט אַ קאָפּיקע.

— נאַ דיר, מיין קינד, אַ קאָפּיקע, — פלעגט זי אים אָנזאָגן פאַרן אוועקגיין — גיי אַריין אין באַשעס קלייטל און קויף זיך עפּעס צום ברויט, אַ האַלבע גאָמילקע, אָדער אַן עפּל, צי עטלאַכע באַרלאַך, און זאָל דיר זיין צו געזונט. און זאָלסט, חלילה, ניט פאַרגעסן מאַכן אַ ברכה.

נעכע רייזל האָט געוואוסט, אַז שלמהקען דאַרף מען ניט אָנזאָגן מאַכן אַ ברכה. אַ גמרא־אינגל דאַרף מען שוין ניט דערמאָנען צו מאַכן אַ ברכה. נאָר זי פלעגט עס טאָן פאַר מצווה וועגן.

און אַז שלמהקע פלעגט נאָך שלאָפן ווען די מאַמע האָט זיך אוועקגעטראָגן אין וועג אַריין, פלעגט זי אים איבערלאָזן דאָס ברויט, און אויפן ברויט אין אַ פּאַפּירעלע איז געלעגן איינגעוויקלט די קאָפּיקע.

און אָט דאָ, ליבע קינדער, איז עס געלעגן שלמהקעס מזל: ער פלעגט קריגן אַ קאָפּיקע אין די הענט!

בשעת ניט איך און ניט יאָסעלע פלעגן אַמאָל אָנקוקן אַ גראָשן אין די אויגן...

נאָר אַז שלמהקע פלעגט אַריינקריגן די קאָפּיקע אין קעשענע, איז ער ניט געווען ווי אַנדערע אינגלעך, אָ ניין, ניט שלמהקע! ער איז ניט געוואָרן גרויס ביי זיך, און ער האָט זיך ניט אָנגעהויבן בלאָזן אויף אַנדערע אינגלעך, און ער האָט זיך אויך ניט אוועקגעלאָזט איבער די קראָמען זוכען מאַרציפּאַנעס...

אַ קיצור, וואָס איז דאָ צו לייקענען, און ווי לאַנג איז דער שיעור צו באַהאַלטן — שלמהקע, אָט דער גוטער און פרומער שלמהקע, ער האָט ניט געפאָלגט דער מאַמען, און ער פלעגט פאַר דעד קאָפּיקע זיך ניט קויפן עפּעס צום ברויט, קיינמאָל ניט!

— וואָס בין איך עפּעס, אַ זולל וסובאניק? — פלעגט ער זאָגן — און ווי וויט איז פון אַ זולל וסובא ביז אַ בן סורר ומורה? אַז איר וועט לערנען חומש מיט רש״י וועט איר וויסן...

אַזוי פלעגט שלמהקע זאָגן צו יאָסעלען און צו מיר, וואָס מיר זיינען געווען זיינע בעסטע חברים און ער האָט געוואוסט, אַז מיר וועלן קיינעם ניט דערציילן וואָס ער טוט מיט דער קאָפּיקע וואָס די מאַמע גיט אים אויף מיטאָג, כדי ניט פאַרשאַפן דער מאַמען קיין צער.

נאָר היינט מעג מען עס שוין דערציילן — נעכע רייזל איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת: ער פלעגט די קאָפּיקע אוועקגעבן אַן אָרעמאַן...

ער פלעגט אַוועקגיין אין בית־מדרש, וואו עס פלעגן זיך שטענדיק אויפהאַלטן אָרימעלייט. ער פלעגט אויסקוקן דעם אָרימסטן אָרימאַן, צוגיין

און אים אַריינשטעקן די קאָפּיקע אין האַנט אַריין, און נעמען די פּיס אויף די פלייצעס און אַנטלויפן פייל פון בויגן.

און זיין מיטאָג איז געווען דאָס ברויט אַליין...

ווי אין פּסוק שטייט, פלעגט ער זאָגן: פּת במלח תאכל ומים במשורה תשתה, און גלייך אויפן אָרט פאַרטייטשן: אויב מען וויל קענען לערנען דאַרף מען זיך באַנוגענען מיט ברויט מיט זאַלץ און וואַסער.

און ווען ער האָט געגעסן דאָס ברויט אַליין פלעגט ער זיך שטאַרק באַהאַלטן, קיינער זאָל דאָס ניט זען. אַז אימיצער וועט דאָס דערזען — פלעגט ער טענהן — וועט מען נאָך זאָגן: זע נאָר ס'אַרא מאַמע נעבעך רייזל איז! זי האַלט אַ קינד אַ גאַנצן טאָג אויף טרוקן ברויט... בייזע צינגער קענען מאַכן מיין מאַמען אַ שם רע, חלילה...

אַצינד וועט איר שוין פאַרשטיין ווי אַזוי שלמהקע איז עס געווען אַזאַ גרויסער בריה און איז דער ערשטער אַרויסגעפאָרן מיט זיין קאָפּיקע פאַר אונזער חברה הקדושה למען ציון וירושלים.

גאַנץ פּשוט, נאָך די אייגענע וואָך, וואָס מיר האָבן געמאַכט אונזער חברה, האָט זיין מאַמע אים געגעבן אַ קאָפּיקע אויף מיטאָג. און פון דער קאָפּיקע האָט ער אונז געבראַכט אַ גראָשן אין דער קאַסע אַריין.

יענעם טאָג, פאַרנאַכט, ווען מיר זיינען געקומען אין בית־מדרש אַריין צו מנחה און איך און יאָסעלע האָבן דערזען שלמהקען, האָבן מיר גלייך דערקענט ביי אים אויפן פּנים, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַט, און ווי נאָר מען האָט אָפּגעדאַווענט מנחה איז ער צוגעקומען, האָט געגעבן אַ וואונק מיט אַן אויגל מיר זאָלן אים נאָכגיין, און אַרויסגייענדיק אַזוי ווי גנבים וואָלטן זיך אַרויסגעגנבעט, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צו אַ זייטיקן געסל גלייך דערביי, און אַז מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געווען זיכער, אַז קיינער זעט ניט, האָט שלמהקע אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל פון קעשענע, האָט פּאַמעלעכקע אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּירל, און פאַר אונזערע אויגן האָט אַ שיין געטאָן אַ נייאינקער, גלאַנציקער גראָשן.

— דאָ האָט איר מיין ערשטן גראָשן פאַר ארץ ישראל! — האָט ער געזאָגט, און זיין קול איז געווען אָנגעלאָדן מיט נחת.

— טפו־טפו־טפו! — האָט יעדער איינער פון אונז געכאַפּט דעם גראָשן און באַשפּיגן, אויף גוטן מזל. און איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיר גענומען דעם טייערן גראָשן אין האַנט אַריין, אים געטאַפּט און איבערגע־טאַפּט און געהאַלדזט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. פּלוצלינג גיט זיך יאָסעלע אַ כאַפּ און מאַכט צו שלמהקען:

— שאַ, נאַר, שאַ, בחור מיינער! פאַרוואָס עפּעס נאָר אַ גראָשן? דו קריגסט דאָך ביי דער מאַמע אַ קאָפּיקע, וואו־זשע איז דער אַנדערער גראָשן?

— איך האָב די קאָפּיקע צעטיילט אויף צוויי העלפטן — האָט שלמהקע געענטפערט מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס „ווייס וואָס ער טוט": איין העלפט פאַר ארץ־ישראל, און איין העלפט פאַר אַרימעלייט...

— מען קען די אַרימעלייט אויך ניט לאָזן אויף הפקר... — האָט ער מוסיף געווען.

— נו, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה! — האָט יאָסעלע געזאָגט.

— אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה! — האָב איך צוגע־פּליעסקעט.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונזער קאָסע וואָס מיר האָבן געעפנט כדי אויסצולייזן ארץ ישראל פון גויאישע הענט.

און אַפּנים אַז שלמהקע האָט געהאָט אַ גרויסן זכות אין הימל, וואָרים גלייך די אַנדערע וואָך האָט אים ווידער אָפּגעגליקט, די מאַמע איז ווידער געגאַנגען אין דאַרף אַריין און האָט אים איבערגעלזאָט אַ קאָפּיקע, און נאָך דעם אייגענעם טאָג האָט ער געבראַכט די העלפט פאַר ארץ־ישראל.

אַזוי ווי דעם ערשטן גראָשן, אַזוי אויך דעם אַנדערן האָט אונז שלמהקע געבראַכט אין בית־מדרש אַריין בין מנחה למעריב, און האָט אים אונז דער־לאַנגט בסוד סודות אין זעלבן געסעלע. און אַרויסנעמענדיק דעם גראָשן פון קעשענע מאַכט ער צו אונז:

— היינט האָב איך עס געקראָגן, און היינט גיב איך עס! אַז עס קומט אַ מצווה אין דיינע הענט, זאָלסטו זי ניט לאָזן זויערן, זאָגט די גמרא...

— אוי, שלמהקע, בין איך דיך מקנא! — האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטן.

— נו, וואָס וועט זיין איצט? — מאַכט שלמהקע צו אונז — מען דאַרף דאָך עפּעס האָבן אַ נאמן, אַ קאַסירער, הייסט עס, וואָס ביי אים זאָל זיך קלייבן דאָס געלט. אַ גראָשן פון דער קאָסע האָב איך נאָך ווי עס איז גע־קענט האַלטן ביי מיר, אָבער איצט, אַז עס איז שוין דאָ אַ קאָפּיקע, וויל איך זיך ניט אַרומטראָגן מיטן יצר־הרע אין קעשענע...

— זיי טאַקע דו דער נאמן, — שלאָגט פאָר יאָסעלע.

— יאָ, — כאַפּ איך אונטער — טאַקע, טאַקע, זיי דו דער נאמן, שלמהקע.

— ניין, — מאַכט שלמהקע — אַזוי גייט עס ניט. מען דאַרף וואַרפן גורל...

און מיר האָבן געוואָרפן גורל מיט אַ קניפּל. און ווער, מיינט איר, האָט אַרויסגעצויגן דאָס קניפּל?

— איך, אני הקטן...

דעם אמת געזאָגט בין איך אין האַרצן גראָד געווען צופרידן. נאָר איך האָב דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ צרה איך גיי אַריין...

נאָר מ׳טאָר ניט זינדיקן: ס׳איז טאַקע געווען אַ צרה, אָבער אַ זיסע, און אַ הייליקע.

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך איבערגענומען די צוויי גראָשן, האָב זיי פאַרשטעקט טיף אין קעשענע און מיר זיינען אַריין צוריק אין בית מדרש.

נאָכן דאַוונען זיינען מיר אַוועק יעדערער צו זיך אַהיים.

נאָר ווען איך בין נאָך געווען אויפן וועג האָט מיר שוין אָנגעהויבן צו דאַרן דער קאָפּ וואו באַהאַלט מען דעם אוצר, איך זאָל אים ניט פאַרלירן, אָדער מען זאָל אים ביי מיר ניט אויסבאַרגן...

ווען איך בין אַריין אין שטוב האָט מיר די מאַמע ווידער געטאַפּט דעם קאָפּ צי איך האָב ניט קיין היץ . . .

קיין היץ האָב איך ניט געהאַט, נאָר דער קאָפּ האָט געברענט און דאָס האַרץ האָט געקלעמט וואָס שלמהקע האָט שוין געבראַכט אַ קאָפּיקע, און ביי מיר רירט זיך נאָך ניט פון אָרט. און עס זעט זיך ניט ווען עס וועט זיך רירן.

אָט אַזוי האָט אַ אידיש אינגעלע אַמאָל דערלעבט אַ קאָפּיקע . . .

ג.

די צווייטע קאָפּיקע

פריער שלמהקע, און נאָך שלמהקען — יאָסעלע.

יאָסעלע האָט אַריינגעטראָגן די צווייטע קאָפּיקע אין אונזער קאָסע.

יאָסעלעס טאַטע איז געווען יונה דער שמיד. געווען איז יונה אַ קרעפּ־קער איד, נאָר די אויגן זיינען אים געווען שטאַרק קאַליע. קיינער האָט קיינמאָל ניט געזען זיינע אויגן, ווייל ער האָט שטענדיק געטראָגן גרויסע, שוואַרצע ברילן און ער האָט זיי קיינמאָל ניט אַראָפּגענומען אפילו אויף אַ רגע. נאָך אַ קליין אינגעלע איז יונה געווען, ווען ער איז אַריין אין קוזניע, זיין גאַנץ לעבן האָבן די פלאַמען אים געברענט די אויגן, ביז זיי האָבן אים באַלד אויסגעברענט די גאַנצע ראיה.

אַמאָל, ווען ער האָט נאָך געהאַט זיינע אויגן, איז יונה געווען גאָר אַ גרויסער פאַרדינער. די גויים פון אַלע אַרומיקע דערפער וואָלטן פאַר אים קיין זאַק באָרשט ניט אַוועקגעגעבן. אַלע האָבן זיי זיך געצויגן „דאַ יעוונאַ״. ווייל אַז „יעוונאַ״ האָט אַוועקגעלייגט אַ פּאָדקאָווע אויף אַ פערד אָדער אַרומגעצויגן אַ ראָד, איז געווען אַ פּאָדקאָווע און עס איז געווען אַ ראָד . . .

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, שוין ניט פאַר יאָסעלעס יאָרן. ווען יאָסעלע איז געווען אַ חבר מיט אונז אין דער חברה „בני ציון וירושלים״,

האָט שוין יונה דער שמיד ניט געהאַט קיין אייגענע קוזניע. ער האָט שוין געאַרבעט ביי יענעם. און יענער האָט אים נאָך אַ טובה געטאָן וואָס ער האָט אים גענומען, מיט זיינע האַלב־בלינדע אויגן. האָט זיין ווייב ראָניע נעביך געמוזט צוהעלפן מיט דער פּרנסה. ווען יונה פלעגט אַרויסנעמען אַן אָנגעגליטן אייזן פון אונטערן בלאָז־זאַק און זיך אָוועקשטעלן איבער דעם מיטן האַמער, האָבן די קלעפּ נאָך היינט אויך געקלונגען איבער אַ האַלב שטעטל, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס שטייט יונה ביי דער קאָ־וואַדלע. אָבער נאָך דער אַרבעט פלעגט ער אינגאַנצן איינפאַלן און אַזוי ווי גאָר אינגאַנצן אויפהערן זען. ער פלעגט זיצן שטיל איינער אַליין אין אַ ווינקעלע און זיך רק ווישן די אויגן אונטער דיברילן מיט אַ טיכל, שוואַרץ ווי סאַזשע. ער פלעגט ווייניג ריידן, און דאַווענען פלעגט ער גאַנץ שטיל, אַזוי ווי אין זיך, מען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, צי ער זאָגט ווער־טער, אָדער ער מורמלט גלאַט אין דער וועלט אַריין, און מען האָט גערעדט, אַז ער קען נעבעך גאָר קיין עברי ניט, ווייל ער איז צו־פרי אַוועק אין קוזניע.

דערפאַר אָבער איז יאָסעלע ביי אים געגאַנגען צום בעסטן מלמד. און ניט נאָר יאָסעלע. אַלע זיינע קינדער האָט יונה געשיקט צו די בעסטע מלמ־דים אין שטעטל. און שכר־לימוד האָט ער אָפּגעהיט בעסער ווי אַן אויג אין קאָפּ. ביי אים האָט זיך געפירט, אַז דער ערשטער קערבל אין וואָך, וואָס איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז אַוועק פאַרן מלמד. און נאָך שבת איידער עס איז געווען אַ גאַנצער קערבל פאַרן מלמד, האָט געמעגט ברענען און בראָטן, האָט ניט געטאָרט אַוועקגענומען ווערן קיין קאָפּיקע פאַר קיין שום אַנדער זאַך.

סיידן פאַר עפּעס אַ נויטיקער מצווה־זאַך. ווי למשל, אַן אָרימאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אָדער אַ מזוזה איז פּסול געוואָרן, אָדער אַ ציצה...

און טאַקע צוליב אַ פּסולער ציצה האָט יאָסעלע געקראָגן זיין ערשטע קאָפּיקע למען ציון וירושלים! און געשען איז די מעשה אַזוי:

ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַן אַלטיטשקע אידענע, די באָבע לאַהצע, פלעגט מען זי רופן, וואָס איר גרויסע מצוה איז געווען, אַכטונג צו געבן, אַז די אינגלעך פון שטעטל זאָלן ניט אַרומגיין מיט קיין פּסולע ציצית. דאָס איז געווען איר מצווה.

אַז זי פלעגט גיין אין גאַס און אָנגעגענען אַ אינגל, פלעגט זי מיט אַ ליבליכן שמייכל נעמען ווינקען צו אים און אים צורופן צו זיך:

— אינגעלע, אינגעלע, קום נאָר אַהער, צו דער באָבע לאַהצע!..

און אַז דאָס אינגעלע פלעגט צוקומען, פלעגט זי ריידן זייער ליבלעך צו אים, אים גלעטן איבערן קעפּל און זאָגן:

— לאָז אָקאָרשט, אינגעלע, דער באָבע לאַהצע פאַרדינען אַ מצווה: לאָז מיר איבערקוקן דיינע ציצית...

און זי פלעגט בודק זיין די ציצית. גיך, גיך פלעגן אירע דאַרע פינגער איבערציילן און איבערטאַפּן די הייליגע פעדים, צי ס׳איז ריכטיג אַכט, און צי די פעדים זיינען אַלע גלייך, און אויב זי פלעגט געפינען, אַז אַ ציצה איז ניט כשר, פלעגט זי נעמען איינבעטן דאָס אינגעלע ער זאָל גיין מיט איר, און זי פלעגט זאָגן:

— קום, אינגעלע, צו דער באָבע לאהצע אין שטיבעלע און איך וועל דיר געבן אַ צוקערל...

און זי פלעגט אים נעמען פאַר אַ הענטל און אַוועקפירן צו זיך אין שטיבעלע.

דאָ, ביי איר אין שטיבעלע, אויף צוועקלעך אין די ווענט, זיינען גע־האַנגען בינטעלעך פאַרטיק צוגעגרייטע, אויסגעציילטע און אויסגעמאָס־טענע ציצית, מען האָט זיי נאָר געדאַרפט אַריינמאַכן אין ארבע כנפות.

און אויף אַ טישעלע אין אַ ווינקל, אויף אַ ווייס טישטעכל, איז גע־שטאַנען אַ סלאָיטשיק מיט צוקערלעך, צוקערלעך אין אַלערליי קאָלירן. און זי פלעגט געבן דעם אינגל אַ צוקערל צום נאַשן, און בשעת יענער האָט גענאַשט, האָט זי אים אַריינגעמאַכט נייע ציצית.

אַזוי האָט זיך די באָבע לאהצע נוהג געווען אַלע יאָר.

הכלל, יענעם טאָג, ווען ביי יאָסעלען האָט זיך באַוויזן אַ פּסולע ציצה אין טלית קטן, האָט יונה דער שמיד אָן שהיות אים געגעבן אַ קאָפּיקע ער זאָל, אויפן וועג אין חדר אַריין, קויפן ציצית און אין חדר זאָל זיי דער באַהעל־פער אים איינמאַכן.

יאָסעלע האָט גענומען די קאָפּיקע און האָט זיך געלאָזט גיין. נאָר אויפן וועג איז אים איינגעפאַלן, אַז ער קען ביי דער באָבע לאהצען קריגן ציצית אומזיסט, און די קאָפּיקע זאָל גיין אויף ארץ־ישראל!

גערעדט און געטאָן. ער האָט זיך באַלד פאַרקירעוועט און זיך געלאָזט גיין צו דער באָבע לאהצעס שטיבעלע. ער איז נאָך קיין סך ניט אָפּגע־גאַנגען, ערשט די באָבע לאהצע קומט אים אָן אַנטקעגן און זי מאַכט צו אים:

— אינגעלע! אינגעלע! ווילסט אַ צוקערל? טאָ קום מיט מיר...

יאָסעלע איז גלייך געגאַנגען: איך דאַרף טאַקע ציצית, האָט ער גע־זאָגט.

ווי זיי זיינען אַריין אין שטיבעלע, האָט די באָבע לאהצע אַרויסגע־נומען אַ שיין צוקערל און דערלאַנגט יאָסעלען. אָבער זי פלעגט ניט לאָזן אַ אינגעלע נעמען דאָס צוקערל אין מויל אַריין אָן אַ ברכה.

„שהכל" איז געווען די ברכה. און מיט דער ברכה איז ביי דער באָבע לאהצע אויך ניט צוגעגאַנגען פּשוט. עס האָט ניט אויסגעמאַכט, וואָס דאָס אינגעלע האָט אַליין געקענט מאַכן די ברכה — וואָסער אינגעלע קען עס ניט מאַכן „שהכל"? — נאָר זי האָט געזאָגט, און דאָס אינגעלע האָט נאָכ־געזאָגט וואָרט ביי וואָרט.

— דערווייל כאַפּ איך אויך אַריין אַ ברכה—פּלעגט די באָבע לאהצע זאָגן.

בקיצור, יאָסעלע איז געגאַנגען מיט דער באָבע לאהצע, און ער האָט געקראָגן נייע ציצית, און דערצו אַ צוקערל, און אחרי ככלות הכל איז אים נאָך געבליבן די גאַנצע קאָפּיקע!

אַ פאַרסאָפּעטער איז יאָסעלע געקומען צו לויפן צו מיר אין חדר אַריין, האָט מיך אַרויסגעוואונקען על־פּי זייער אַ גרויסן סוד, און האָט מיר דער־ציילט די גאַנצע מעשה, און האָט מיר איבערגעגעבן די קאָפּיקע אין אונ־זער קאַסע פאַר ארץ־ישראל.

— אָבער הזהר והזהר, — מאַכט ער צו מיר — זאָלסט קיינעם ניט דערציילן! אַז מיין טאַטע און מיין מאַמע וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב ניט אויסגעגעבן די קאָפּיקע אויף ציצית, וועלן זיי מיך ממיתן...

און ער איז אויף גיך אַוועקגעלאָפן אין זיין חדר. ער איז שוין געווען גוט פאַרשפּעטיקט אין חדר אַריין...

ווען איך האָב זיך פאַרקירעוועט אַריינצוגיין צוריק אין חדר, האָב איך דערהערט ווי איבערן שטעטל האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן די קלינגענ־דיקע קלעפּ פון יונהס קוזניע.

— דאָס איז דער בלינדער יונה ביי דער קאָוואַדלע! — איז מיר דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק, און באַלד האָט ער זיך מיר פאַרגעשטעלט מיט זיין אייג־געבויגענעם קאָפּ און מיט זיינע גרויסע, שווערע, שוואַרצע ברילן, און עס האָט מיר שטאַרק אַ דריק געטאָן ביים הערצל:

„אוי! — האָב איך געטראַכט — פון אים טו איך עס באַהאַלטן דעם סוד מיט דער קאָפּיקע! פון אַ בלינדן!"

און איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך האָב געהערט די עלטערע אינגלעך אין חדר לערנען אין דער סדרה „ולפני עור לא תתן מכשול" — און פאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט טאָן קיין שטרויכלונג. איך אַליין האָב דאָס נאָך ניט געהאַט געלערנט, אָבער איך האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו דער על־טערער כתה און איך האָב אַליין געהערט, אַז פאַר אַ בלינדן טאָר מען ניט טאָן קיין שטרויכלונג!

— ווען יונה איז ניט קיין בלינדער, וואָלט מיך ניט געאַרט — האָב איך פאַר זיך געטראַכט — אָבער ער איז דאָך נעבעך אַ בלינדער...

און וואָס מער איך האָב וועגן דעם געטראַכט, אַלץ מער קשה איז מיר געוואָרן דער גאַנצער עסק.

— די קאָפּיקע — האָב איך גענומען ברייען — איז דאָך יונהס קאָ־פּיקע און מיר באַהאַלטן דאָס פון אים, און פון זיין ווייב ראַניע, אפשר איז עס גאָר גניבה, גאָט באַהיט?!

און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז מיט שלמהקעס צוויי גראָשן איז דאָך אויך די אייגענע זאַך: די מאַמע האָט אים געגעבן אויף עסן, און ער האָט

עס אָפּגעגעבן אויף אַן אַנדער זאַך! דאָס הייסט דאָך, ער נאַרט אָפּ זיין מאַמע... מעג מען דען אַזוי?..

און די צוויי מיאוסע ווערטער, „גניבה" און „גענאַרעריי", האָבן זיך איינגעגעסן אין מיין מוח און ניט אָפּגעלאָזט, און אַ גאַנצן טאָג איז מיר געווען זייער פּאַסקודנע אויפן האַרצן. ניט איך האָב זיך געקענט שפּילן, ניט איך האָב געקענט עסן, און ניט מיין קאָפּ איז געוועןביים לערנען. אַ וואָלקן האָט זיך מיר פאַרצויגן איבער דער גאַנצער זיסער קאָנספּיראַציע מיט ארץ־ישראל.

יענער טאָג האָט זיך מיר אויסגעצויגן אַזוי ווי טויזנט יאָר. איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן, ווען וועל איך שוין זען שלמהקען און אים פרעגן וועגן דעם. ער איז דאָך געווען אונזער למדן, אַ גמרא־אינגל שוין, ער האָט געדאַרפט וויסן...

קוים זיך דערוואַרט ביז פאַרנאַכט, בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן אין בית־מדרש אַריין. דאָ האָב איך שוין געטראָפן שלהמקען און האָב אויסגע־רעדט פאַר אים אַלע שווערע ספקות, וואָס האָבן מיר געדריקט אויפן האַרצן.

— ווי מיינסטו, שלמהקע? — האָב איך געפרעגט, — אפשר איז גאָר דאָס וואָס מיר טוען אַ גרויסע, גרויסע עבירה? איך האָב גאָר מורא צו האַלטן ביי זיך אַזאַ געלט, וואָס איז ניט כשר... אַרום טרפהנע געלט קומען ביינאַכט שדים און טאַנצן אַ קאַראַהאָד...

שלמהקע האָט זיך פאַרטראַכט אויף ווילע, דאַן האָט ער מיט גע־מאָסטענע ווערטער אַנגעהויבן אַרויסצוזאָגן זיין פסק־דין:

— אמת — מאַכט ער צו מיר, אָבער זיינע בליקן זיינען געווענדט ערגעץ אין דער הימלישער וויט — אמת, די גמרא זאָגט טאַקע „אין משנין מצדקה לצדקה", אַז איינער גיט אויף איין צדקה, טאָר מען עס ניט פאַרנוצן אויף אַן אַנדער צדקה. די שאלה איז אָבער, צי דאָס וואָס מיר קריגן פון אונזערע טאַטע־מאַמע אויף עסן, אָדער אויף ציצית, אָדער אויף אַן אַנדער זאַך, צי דאָס איז גאָר צדקה, אָדער ווען זיי געבן עס אונז, זיינען מיר עס ק ו נ ה ב מ ש י כ ה און עס ווערט אונזערס... וועגן דעם וועט מען דאַרפן אַריינקוקן אין די ספרים...

איך האָב קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען דעם טייטש און די באַדייטונג פון די גמרא־ווערטער, וואָס שלמהקע האָט מיר געזאָגט, אָבער זייער קלאַנג איז מיר געווען היימיש, ווייל אַ גאַנצן טאָג אין חדר, אָדער אין בית־מדרש, אומעטום וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען זיי געהערט אין די מיילער פון די לערנער.

און כאָטש שלמהקע האָט ניט געפּסקנט מיטן האַרבן וואָרט צי „כשר", אָדער, חלילה, „טריף", נאָר דאָס אַליין, וואָס איך האָב זיך אויסגערעדט פאַר אים, האָט מיר שוין גרינגער געמאַכט אויפן האַרצן.

און אַזוי איז צו אונזער קאַסע צוגעקומען נאָך אַ קאָפּיקע. און די דריטע קאָפּיקע איז שוין געקומען פון מיר...

ד.

די דריטע קאָפּיקע

ליגן שוין ביי מיר אין דער קאַסע צוויי קאָפּיקעס און וואו איך באַהאַלט זיי ניט, דוכט זיך מיר אַלץ אַז עס איז ניט קיין זיכערער אָרט. אין אַנהויב בין איך אַרויף אויפן בוידעם און פאַרשטעקט דאָס געלט אין אַ בייטעלע, הינטער אַ שטרויענער סטרעכע. נאָר אַלע ווײַלע פלעג איך קלעטערן אויפן בוידעם, אַנצוקוקן דעם אוצר, האַלטן אים אין די הענט, און איינמאָל גיט זיך מיר פלוצלינג אַ טראַכט: און טאָמער, חלילה, אַ שׂרפה? בין איך דאָך אַן אָפּגעקאַכטער מיט די צוויי קאָפּיקעס!

הינטער אונזער הויז איז געווען אַ גאָרטן. בין איך אַוועק אין אַ ווינקעלע פון גאָרטן, און ווען קיינער האָט ניט געזען האָב איך אונטערן פלויט אויסגעגראָבן אַ גריבל, אַריינגעלייגט דאָס בייטעלע מיטן געלט, אויפן בייטעלע אַוועקגעלייגט אַ שווערן שטיין, און דעם שטיין פאַרשאַרט מיט זאַמד.

אַזוי ווי אַ קאַץ טראָגט זיך אַרום מיט אירע קעצעלעך פון איין אָרט אויפן אַנדערן, אַזוי האָב איך אַלע ווײַלע אַריבערגעטראָגן די צוויי קאָפּיקעס אין אַ נייער באַהעלטעניש. און יעדעס מאָל, וואָס איך האָב געהאַלטן די צוויי קאָפּיקעס אין די הענט האָב איך מקנא געווען שלמהקען און יאָסעלען, וואָס זיי האָבן שוין אַריינגעטראָגן אין דער חברה.

— זיי האָבן שוין זייער חלק אין ארץ־ישׂראל — האָב איך געטראַכט — און איך, וואָס ? גאָרניט מיט גאָרניט...

און איך פלעג אַרומגיין און זיך ברעכן דעם קאָפּ, און טראַכטן און זיך ניט קענען דערטראַכטן ווי אַזוי, אייגנטלעך, וועל איך אַמאָל אַריינקריגן אַ פּאָר גראָשן ? פונוואַנען ? אַ פריץ וועט פאַרלירן ?

וואָרים ניט אַזוי ווי ביי שלמהקען און ביי יאָסעלען איז געווען ביי אונז. שלמהקע איז געווען אַ בן־יחיד, יאָסעלע האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער און איין שוועסטערל. אָבער ביי אונז זיינען געווען פופצן קינדער, און מען האָט אונז אַרויסגעטריבן פון דאָרף, און מיר זיינען געווען זייער אָרים און אין שטעטל האָט דער טאַטע גאָרניט געקענט פאַרדינען. הייַנט, ווען איך זאָל קריגן אַ קאָפּיקע, דאַרפן דאָך די אַנדערע ברידערלעך און שוועסטערלעך אויך קריגן צו קאָפּיקעס, איז דאָך שוין פופצן קאָפּיקעס.

און פאַר פופצן קאָפּיקעס האָט דאָך שוין די מאַמע געקענט מאַכן פאַר אַלע־מען אַ גאַנצע סעודה מיט הליאַק און פּאָווידלע, אַ מחיה!

אַז מיר קינדערלעך פלעגן אַרומרינגלען די מאַמע און נעמען אַלע, אין כאָר, כניטשען: „מאַמע, איך וויל עסן!" און די מאַמע האָט ניט געהאַט וואָס צו געבן, פלעגט זי גאָרניט זאָגן און גאָרניט טאָן, נאָר זיצן און וויינען. ביז מיר פלעגן רחמנות קריגן אויף איר און זי צורו לאָזן.

איינמאָל האָט מיין שוועסטערל בליומקע געזאָגט צו זלאַטקען:

— נאַ דיר, זלאַטקעלע, מיין ליאַלקע, אויף שטענדיק, און מאָן ניט ביי דער מאַמען קיין עסן. דו זעסט דאָך, אַז זי האָט ניט וואָס דיר צו געבן...

טאָ וואָס פאַר אַן אויסזיכטן האָב איך געהאַט צו קריגן אַ קאָפּיקע, און נאָך מער ווי איין קאָפּיקע, און אויסגעלייזט ווערן פון גלות?

— סיידן וואַרטן אויף חנוכה — פלעג איך זיך אַליין טרייסטן...

באַלד אָבער פלעגט זיך יאָווען אַ וואָרעם און נעמען טאָטשען דאָס האַרץ:

— וואָס קומט דיר אַרויס פון חנוכה, אַז היינט קריגסטו חנוכה־געלט, און מאָרגן נעמט עס ביי דיר די מאַמע צוריק?

און אַזוי פלעגט עס טאַקע זיין. גלייך אויף מאָרגן פלעגט די מאַמע זאָגן:

— נו, קינדערלעך, נעכטן האָט טאַטע־מאַמע געגעבן א י י ך חנוכה־געלט, און היינט גיט א י ר חנוכה־געלט טאַטע־מאַמע... מיר זיינען דאָך עפּיס אויך קינדער ביי גאָט...

און דערביי פלעגט זי זיך ווישן די אויגן...

נאָר פונדעסטוועגן זעט איר דאָך! גאָר אינגיכן האָב איך אויך אַריינ־געקראָגן אַ גראָשן!..

געשען איז עס אַזוי:

מער ווי אַלע אינגלעך אין חדר האָב איך ליב געהאַט צו שרייבן. מען האָט מיך גאָרניט געקענט אָפּרייסן פון פּאַפּיר און טינט. גאַנצע טעג פלעג איך זיצן און שרייבן, און גאַנצן בויגנס פלעג איך פאַרשרייבן מיט דער שורה:

„איך בין געפאָרן קיין וואַרשע קויפן סחורה."

און אַמאָל פלעג איך פאָרן קיין „פּינסק" קויפן סחורה...

מיין מלמד האָט גאָר שטאַרק הנאה געהאַט אי פון מיין חשק צום שרייבן, אי פון מיין שיינעם כתב. ער האָט זיך גאָר געצאַצקעט מיט מיר.

— אָ, חיים, משה יצחק דעם קאָלקערס זינדל — פלעגט ער זאָגן — אור־וואַ! ער איז אַ ספרא רבא...

און אין קעשענע האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט מיינעם אַ פאַרשרי־

בענעם בויגן, און מיט שטאָלץ פלעגט ער עס אַרויסנעמען, און האַלטנדיק עס פון ווייטנס אַ זאָג טאָן:

— קוקט נאָר אָן, אדרבא, אַן „איך בין געפּאָרן קיין וואָרשע קויפן סחורה״! אותיותלעך ווי אַרבעסלעך... אָט אַזוי שרייבט מען ביי מיר...

דער מלמד האָט געהאַט נחת, טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט נחת און איך האָב אוודאי זיך געפּרעגלט אין נחת. נאָר קיין גאַנץ גליק איז דאָך, כידוע, אין ערגעץ נישטאָ, און מיר איז אויך קיין גאַנץ גליק ניט באַשערט געווען.

די צרה איז געווען, וואָס די פּענעס פלעגן ביי מיר ווערן צו אָפט אויס־געשריבן, און אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פלעג איך מוזן גיין בעטן ביים טאַטן אַ גראָשן אויף אַ נייער פּען.

ווען דער טאַטע פלעגט זען ווי איך לאָז זיך גיין צו אים מיט אָנגעבלאָ־זענע ליפּעלעך און אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַזוי ווי אַ שולדיקער, פלעגט ער שוין וויסן וואָס איך וויל, און ער פלעגט כלומרשט מאַכן אַן ערנסטן אָנשטעל און זאָגן מיט געמאַכטער בייזקייט:

— נו, שוין ווידער אַ פּען? וואָס טוטסטו אַזוינס מיט די פּענעס, דו שרייבסט, אָדער דו האַקסט שטיינער מיט זיי? ווער קען דיר נאָסטאַרטשען אַזוי פיל גראָשנס, האַ?

דעם שמייכל אונטער די וואָנצעס פלעגט ער נאָך דערביי ווי עס איז קענען באַהאַלטן, אָבער דעם שמייכל אין די אויגן און אַרום די אויגן וואָלט ער אפילו מיטן טלית ניט געקענט פאַרשטעלן. זיין גאַנצע גוטסקייט און גוטמוטיקייט זיינען אים געלעגן אַרום די אויגן.

נאָר דאָס איז געווען דעמאָלט ווען ער האָט געהאַט דעם גראָשן מיר צו געבן. אָבער ווען ער האָט ניט געהאַט, פלעגט ער מיר גאָרניט זאָגן. און איך פלעג שוין אויך גאָרניט זאָגן נאָך וואָס איך בין געקומען. איך פלעג זיך אויסדרייען און אַוועקגיין אַזוי ווי איך בין געקומען...

און אָט האָט זיך געמאַכט, „אין אַ גאָווינע״, ווי מען זאָגט, אַז איך דאַרף ווידער אַ פּען.

גיי איך, ווי געוויינלעך, צום טאַטן. באַגעגנט מיך דער טאַטע מיט אַ שמייכל. ווערט מיר אַזוי גוט אויפן האַרצן, וואָס איך האָב אַזאַ גוטן טאַטן און וואָס דער טאַטע פאַרמאָגט היינט אַ גראָשן און ער זשאַלעוועט מיר ניט, כאָטש עס איז אפשר זיין איינציקער גראָשן היינט אין קעשענע.

און דער טאָג איז אויך געווען אַזאַ שיינער זומער טאָג. פון אַלע זייטן אַזוי ליכטיק, וואַרים, פריילעך. כאַפּ איך דעם גראָשן און לויף אין קרעמל אַריין און קויף מיר אַ פּען, און לויף מיט דער פּען אין חדר אַריין, און בין זיך שוין מחיה: מיט אַ נייער פּען איז דאָך אַזוי גוט צו שרייבן.

— אוי, — טראַכט איך מיר — וועל איך היינט אויסצירקלען אַן „איך

בין געפאָרן קיין וואַרשע קויפן סחורה״, אַז ס׳עט אַזש גיין אַ רויך! און דווקא קיין „וואַרשע״, מיט אַ נייער פּען פאָר איך ניט קיין „פּינסק״!

איך קום אַריין אין חדר, נעם דעם האַלטער, צי אַרויס די אַלטע פּען און גיב זי אַ שליידער אַוועק, און גיי אין קעשענע נעמען די נייע פּען אַריינצושטעלן אין דעם האַלטער, ערשט ניטאָ די פּען!

איך טאַפּ אַהין און טאַפּ אַהער, איך קער איבער אַלע קעשענעס, ניטאָ! כאַפּ איך די פּיס אויף די פּלייצעס, לויף צוריק און זוך און נישטער איבערן גאַנצן וועג. אַזוי ווי אַ הינטל לויפט און שמעקט מיט דער נאָז די ערד, אַזוי האָב איך געזוכט, אָבער עס איז געווען ווי אין וואַסער אַריין.

אַ וויינענדיקער קום איך אַהים און דערצייל פון דעם אומגליק, וואָס האָט מיך געטראָפן.

צעשמייכלט זיך דער טאַטע מיט זיין זיסן שמייכל אין דער באָרד און אַרום די אויגן, לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס אַ נייעם גראָשן און דערלאַנגט מיר:

— נאַ, האָב ניט קיין צער, קויף אַן אַנדער פּען...

מיר האָט זיך געוואָלט אים אַרומנעמען און שטאַרק, שטאַרק קושן, נאָר עפּעס די גרויסע טאַטעס מיט די גרויסע בערד האָט מען ניט געקושט... געווען אַזאַ דרך ארץ... סיידן מען איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע...

בין איך געלאָפן און געגעבן אַ שטאַרקן קוש דער מאמען...

דערוואַרימט פון טאַטע־מאַמעס ליבשאַפט, איז מיין האַרץ באַלד צוריק גאַנץ געוואָרן, און מיט אַ טענצל בין איך אַרויס פון הויז און גלייך אין זעלבן קרעמל אַריין איינצוהאַנדלען אַ נייע פּען.

איינגעהאַנדלט, אַריינגעלייגט אין קעשענע, און היידאַ אין חדר אַריין.

איך קום אָן אין חדר, איך שטעק אַריין די האַנט אין קעשענע נאָך דער פּען, ערשט אַ בראָך, אַן אומגליק: ווידער ניטאָ! גלייך ווי ס׳איז אַהין קיינמאָל גאָר קיין פּען ניט אַריינגעלייגט געוואָרן...

גוואַלד געשריען, וואָס טוט זיך דאָ היינט מיט מיר? ווער איך דערשראָקן און לויף גלייך צוריק איבערן וועג וואָס איך בין געגאַנגען, און קריך אויף אַלע פיר, שאַר אין זאַמד, קער איבער מיסט, נאָר גיי זוך אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי!

און דערווייל איז דער טאָג געוואָרן זעהר הייס, דער שווייס איז גערונען פון מיר אַזוי ווי אַ רעגן וואָלט געגאַנגען.

איך בין אַוועק אַהים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַז איך בין אַריין אין הויז איז דער טאַטע ניט געווען. די מאַמע האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע, האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר האָט מיך גענומען פאַר אַ הענטל און מיך צוגעפירט צום שפּיגל און געזאָגט:

— קוקט נאָר אָן ווי דו זעסט אויס, מיין חתן־בחור!

איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט. פון דעם זאַמד און דעם שוויס איז מיין פנים געווען אַזוי ווי איך וואָלט אַרויס פון אַ בלאָטע. און אַזוי זייַנען אויך געווען מייַנע הענטלאַך.

— וואו ביסטו געווען, וואָס האָסטו געטאָן מיט זיך? — האָט די מאַמע זיך געהאַלטן אין איין חידושן. איך האָב איר דערציילט פון מיין נייעם אומגליק.

קודם כל האָט זי מיך אַרויסגעפירט אין הויף און איבער אַ באַלייע וואַסער האָט זי מיך אַרומגעוואַשן פון קאָפּ ביז די פיס. דאַן מאַכט זי צו מיר:

— מסתמא האָט דיר אימיצער אָן עין הרע געגעבן פאַר דיין שיינעם כתב, דיין רבי האַלט אין איין וויַיזן דיין כתב און זיך באַרימען מיט אים...

אין אמתן פלעגט מיין מאַמע אַליין אויך ליב האָבן צו וויַיזן מענשן מיין כתב. אפשר דערפאַר וואָס זי האָט מיר אים איינגעשטעלט. נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר האָט זי מיך געלערנט שרייבן. זי פלעגט אָנ־שרייבן מיט אַ בליישטיפט און איך פלעג נאָכגיין אירע אותיות מיט טינט. און אַמאָל פלעגט זי מיט איר האַנט פירן מיין האַנט איבערן פּאַפּיר, און אַזוי איז מיין האַנטשריפט געוואָרן ווי אירע כמעט אויף אַ האָר, און ביז היינטיגן טאָג זע איך איר האַנטשריפט אין מיין האַנטשריפט.

דערווייל איז שוין געוואָרן מיטאָגצייט און די מאַמע האָט מיר געגעבן וואַרימעס, און דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען אַ גראָשן און געזאָגט:

— נאַ דיר נאָך אַ גראָשן און גיי קויף דיר אָן אַנדער פּען, און גיי ניט פאַרריסן דעם קאָפּ צו די וואָלקנס, וועסטו ניט פאַרלירן.

פון ליבשאַפט האָט זיך מיר דאָס צינגל אַזש ניט געקענט אַ ריר טאָן אין מויל פאַר אַזאַ גוטסקייט פון דער מאַמע, און ווידער אָן אויסגעהיילטער בין איך אַרויסגעלאָפן פון הויז.

נו, לויף איך ווידער קויפן אַ פּען. נאָר שוין ניט אין דעם ערשטן קרעמל. דאָרט איז מיר ניט מזלדיק, האָב איך באַשלאָסן. איך גיי אַריין אין אַן אַנדער קרעמל, און אויפן האַרצן איז מיר אַזוי ברייט און גראַם, אַז איך הייס מיר דערלאַנגען עטלעכע שאַכטלעך מיט פּענעס, צום אויסקלייבן. און איך קלייב מיר פּאַמעלעך, מיט ישוב הדעת. אפשר אַ האַלבע שעה בין איך אָפּגעשטאַנען איבער די שיינע שאַכטעלעך און געקליבן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז איך האָב מיר אויסגעקליבן גאָר אַ גיי־מאָדנע פּען.

— אָט די פּען געפעלט מיר — זאָג איך צום קרעמער, און ער וויקלט זי מיר איין אין אַ פיין שטיקעלע פּאַפּיר און דערלאַנגט זי מיר.

איך נעם די פּען אין דער האַנט און גיי צו דער קעשענע נאָכן גראָשן צו באַצאָלן, ערשט אַ בראָך, אַ קלאָג — ניטאָ דער גראָשן!

אַ פאַרציטערטער בין איך געוואָרן: ווידער פאַרלוירן?!

איך זוך ווידער אין אַלע קעשענעס, קער־אויס די קעשענעס אויף דרויסן, אָבער ניטאָ און ניטאָ...

— זייט מיר מוחל, ר׳ קרעמער — זאָג איך און די צונג קוים וואָס זי רירט זיך מיר — נעמט איך אייער פּען צוריק, איך האָב פאַרלוירן מיין געלט.

— הם... מאַכט דער קרעמער — אַ האַלבע שעה מיר געדרייט אַ ספּאָדיק, איבערגעטאַפּט אַלע פּענעס, און צום סוף... נו, זאָל מיר שוין גאָט צושיקן בעסערע גליקן, סוחר מיינער...

און ער האָט מיך גענומען פאַר אַ הענטל און צוגעפירט צום טיר און מיר גאַנץ שיין געהייסן גיין...

צו מיין גרויסן ווייטיק האָב איך זיך נאָך געפילט שטאַרק פאַרשעמט. קיינמאָל האָב איך זיך ניט אַזוי געשעמט ווי פאַר יענעם קרעמער. אַ לאַנגע צייט בין איך געשטאַנען און האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זאָל איך גיין אַהיים? זאָל איך גיין אין חדר? אוי, ווען איך קען איצט אוועקשטאַרבן גאָר אינגאַנצן, האָב איך געטראַכט, אָדער כאָטש ווערן קראַנק...

דאָס האַרץ איז מיר געווען שטאַרק פאַרקלעמט און פינסטערע מחשבות האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ: וואָס קען דאָ זיין? זאָל עס טאַקע זיין אַן עין הרע, ווי די מאַמע זאָגט? אָדער אפשר איז עס אַ כישוף, וואָס אימיצער האָט מיר אָפּגעטאָן? פּלוצלינג גיט מיר אַ בליץ אַ געדאַנק: אפשר ניט־גוטע? און באַלד דערמאָן איך זיך ווי מיין טאַטע פלעגט דערציילן, אַז איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט איז ער געפאָרן מיט זיין פערדל פון שטאָט אַהיים אין דאָרף אַריין, קיין קאָלק הייסט עס. דאָס פערדל האָט געקענט דעם וועג אַזוי ווי, להבדיל, אַ איד אשרי. און ס׳איז געווען אַ שטרעקע פון אַן ערך אַ שעה.

ערשט מיין טאַטע פאָרט און פאָרט, פאָרט און פאָרט און עס זעט זיך ניט קיין סוף. דאָס פערדל איז שוין נאָס פון שוויס, עס זעצט פון אים אַ פאַרע, ער פאַלט שוין באַלד פון די פיס, און פון קיין קאָלק איז גאָר קיין סימן ניטאָ. די הענער האָבן שוין געקרייט און מ׳זעט נאָך אַלץ ניט קיין ישוב. נאָר אַז עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן דערזעט מיין טאַטע ערשט ער שטייט אויפ׳ן זעלבן אָרט וואו ער איז אַרויסגעפאָרן!

און אַלע אין דאָרף האָבן געזאָגט, אַז דאָס זיינען געווען ניט־גוטע וואָס האָבן געפּלאָנטערט דאָס פערדל. אפשר טאַנצן עס ניט־גוטע אַרום מיר אויך, האָב איך געטראַכט, און פירן מיך פאַר דער נאָז מיט די פּענעס: וואָס טוט מען? ווי דרייט מען זיך אַרויס פון זיי?

אַ גרויס שרעק איז מיר באַפאַלן, כאָטש די גאָס איז געווען פול מיט אידן. פאַלט מיר איין: איך וועל לויפן אין דער שול־גאָס און וועל אָנרירן די וואַנט פון אַ מקום קדוש, וועלן די ניט־גוטע אויף מיר קיין שליטה ניט

האָבן. גיך־גיך בין איך געלאָפן צו דער גאַס, וואו ס׳איז געשטאַנען די גרויסע שול, דער בית מדרש און די טריסקער שטיבל. איך בין אָנגעקומען צוערשט אויף דער טריסקער שטיבל. אָהן אַן אָטעם בין איך צוגעלאָפן און האָב אָנגעכאַפּט די קליאַמקע פון דער טיר.

איך גיב אַ פּרואוו די טיר: זי איז אָפן. האָב איך מיר געגעבן אַ ריס אַריין אינעווייניק. קיינער איז דאָרט ניט געווען, און עס איז געווען אַזוי שטיל, און אַזוי הייליק... און אַ ציטערניש האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך בין צוגעלאָפן צום ארון קודש, האָב געכאַפּט דעם פּרוכת און האָב אים גענומען קושן. איך האָב פאַרגראָבן מיין פּנים אין אים און האָב זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט אַזוי שטאַרק, אַז יעדער אבר האָט אין מיר געוויינט.

— אוי, גאָטעניו — האָב איך געיאָמערט — פאַרוואָס קומט עס מיר? אַזעלכע דריי אומגליקן אין איין טאָג! צוויי פּענעס און אַ גראָשן! מיט וואָס האָב איך אַזוי שווער געזינדיקט?

דאָס וואָרט „געזינדיקט" האָט מיר אַזוי ווי אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. איך האָב פּלוצלונג פאַרשטאַנען פאַרוואָס עס איז מיט מיר געשען דאָס אומגליק מיט די פּענעס און מיט דעם גראָשן, אַלץ איז מיר איצט קלאָר געוואָרן!

— געזינדיקט, געזינדיקט! — האָב איך אַזוי ווי געהערט קולות אַריינשרייען מיר אין די אויערן — אוודאי האָסטו געזינדיקט! גאָט שטראָפט קיינעם ניט אומזיסט! גאָט און זיין משפט איז גערעכט!

איך האָב ניט געוואוסט פון וואַנען די קולות קומען, אָבער אַצינד האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען.

— מיר האָבן אַלע געזינדיקט! — בין איך אַצינד געווען זיכער — איך האָב געזינדיקט, שלמהקע האָט געזינדיקט, און יאָסעלע האָט געזינ־דיקט. מען טאָר ניט נאַרן קיין טאַטן און קיין מאַמען. ניט געטאָרט נאַרן דעם בלינדן יונהן און דעם קאַליקע ר׳ זלמנען, און נעכע רייזלען. די צוויי קאָפּיקעס זיינען גניבה און גזילה, טריף געלט, און ווייטער גאָרניט. און מען מוז וואָס גיכער פּטור ווערן פון זיי און תשובה טאָן.

מיט דעם דאָזיקן באַשלוס אין האַרצן בין איך אַוועק צום בית־מדרש און זיך געזעצט אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג, וואַרטן ביז שלמהקע און יאָסעלע וועלן קומען דאַווענען מנחה, און דאַן וועל איך זיי אַלץ דערציילן, וואָס מיט מיר איז דעם טאָג געשען, זיי זאָגן וואָס ביי מיר אויפן האַרצן, אַז מיר מוזן תשובה טאָן, זיך מתוודה זיין פאַר טאַטע־מאַמע, זיי מחילה בעטן און אומקערן זיי די צוויי קאָפּיקעס, יעדן לויט וואָס אים קומט, אפשר וועט זיך גאָט מרחם זיין און אונז ניט שטראָפן.

און וואָס שייך ארץ־ישראל, וועט דער גוטער גאָט עפּענען פאַר אונז אַן אַנדער וועג.

זיץ איך מיר אַזוי אין געהאַקטע וואונדן אויף די טרעפּ פון בית־מדרש און קוק אויס די אויגן אויף שלמהקען און יאָסעלען. אידן הייבן שוין אָן קומען צו מנחה, און פון זיי זעט זיך ניט קיין סימן. גראָדע ווי אויף צו להכעיס.

אַזוי ווי איך זיץ מיר און וואַרט, נעם איך אָן אַ פאַלע פון מיין רעקל און וויל, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אָפּווישן די נאָז, ערשט עפּעס גיט מיר אַ שטאָך אין דער נאָז. נעם איך אַרומטאַפּן דעם ברעג פון דעם רעקל און טאַפּ אָן אינעווייניק אַ האַרטע, לענגלעכע זאַך, און באַלד דערנאָך טאַפּ איך אָן עפּעס אַ רונדיקס. וואָס איז דאָס און ווי אַזוי קומט עס אַהינצו? און ווי קריגט מען עס אַרויס? איך האָב אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט געזוכט ביז איך האָב אין אַ קעשענע געפונען אַ לעכעלע. איך שטעק אַריין אַ פינגער און שלעפּ אַרויס, איר'ט ניט גלויבן — און שלעפּ אַרויס אַלע דריי זאַכן: **דעם גראָשן און די צוויי פּענעס!**

הייסט עס, אַז איך האָבביידע זאַכן גאָרניט געהאַט פאַרלוירן? אָדער איך האָב זיי יאָ פאַרלוירן, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב אין דעם טריסקער שטיבל תשובה געטאָן, האָט דער אויבערשטער באַוויזן אַ נס און זיי מיר אומגעקערט צוריק?

ווען די ערשטע איבעראַשונג איז אַריבער האָב איך גענומען פאַר־שטיין, וואָס פאַר אַ גליק מיר האָט דאָ געטראָפן: אי איך האָב פּענעס צום שרייבן, אי איך האָב אַ גראָשן פאַר ארץ ישראל!

אוי געוואַלד! — האָב איך זיך געפרייט — איך גיב דעם גראָשן גלייך אַריין אין אונזער קאַסע און איך האָב שוין אויך אַ חלק אין ארץ־ישראל!

איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון גליק און נאָך שטאַרקער האָט זיך מיר געוואָלט זען שלמהקען און יאָסעלען וואָס גיכער.

נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט מיין שמחה. איך זיץ אויף די טרעפּ און וואַרט ווייטער, ערשט איך וואָלט געקענט שווערן, אַז איך הער ווי אימיצער וואָלט זיך געשטעלט הינטער מיינע פּלייצעס און מיר אַריינגע־שושקעט אין אויער און געזאָגט:

— העי, יונגערמאַנטשיק! נאָך אַ קאַרגע זעקס יאָר און דו וועסט שוין בר־מצווה. זאָג נאָר, בר־מצווה בחור, האָסטו אַ טראַכט געטאָן צי דער גראָשן איז טאַקע דיינער? ערלעך דיינער? אפשר איז עס גאָר דיין טאַטנס? טאַטע־מאַמע האָבן דאָך דיר געגעבן אַ צווייטן און אַ דריטן גראָשן, נאָר ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דער ערשטער איז דיר געגאַנגען לאיבוד. מעג מען ביי אַ טאַטן אויסנאַרן אַ גראָשן?

— אָט דאָס האָב איך דאָך טאַקע געוואָלט וויסן! — האָב איך זיך אויסגעדרייט און געוואָלט זאָגן דעם וואָס האָט גערעדט צו מיר. און אין איין וועג האָב איך אים שוין געוואָלט פרעגן וועגן שלמהקעס און יאָסע־

לעס צוויי קאָפּיקעס אויך, צי ס'איז כשר ... נאָר איך האָב זיך אויסגעדרייט און האָב קיינעם ניט געזען...

וואָרט איך ווייטער, און שלמהקע און יאָסעלע זיינען נאָך אַלץ ניטאָ, ערשט ווער קומט אָן? דער טאַטע! געקומען דאַוונען מנחה.

אַז מיין טאַטע האָט מיך דערזען האָט ער זיך איבערגעשראָקן:

— וואָס איז דיר, חיימקע? — בויגט ער זיך אָן צו מיר — ביזט קראַנק? דיין פּנים פלאַמט און פון נעזל רינט דיר... קום מיט מיר!..

און ער נעמט מיך פאַר אַ הענטל און פירט מיך אַריין מיט אים אין בית־מדרש, און ער שטעלט זיך גלייך דאַוונען מנחה. בשעת ער איז געשטאַנען שמונה עשרה האָב איך געזען ווי שלמהקע און יאָסעלע קומען אַריין, נאָר עס איז עפּעס געווען ניט איין שלמהקע, נאָר צוויי שלמהקעס, און עטלע־כע יאָסעלעך... איך האָב געוואָלט לויפן צו זיי, נאָר די פיסלעך האָבן מיר ניט געדינט, און דער טאַטע האָט ניט אַרויסגעלאָזט מיין הענטל.

געענדיקט מנחה, האָט דער טאַטע שוין ניט געוואַרט אויף מעריב דאַוונען, ער האָט מיך באַלד גענומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן אַהיים.

אַז די מאַמע האָט דורכן פענצטער דערזען ווי דער טאַטע טראָגט מיך אויף די הענט, איז זי אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט הויכע קולות. „דאָס קינד איז קראַנק, פייגעל, לייג אים אין בעט אַריין", האָב איך געהערט ווי דער טאַטע האָט געזאָגט צו דער מאַמע. און אַזוי איז געשען.

ה.

דער שיינער חלום

ווען איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין אַ קראַנקער, האָט מען אין אַלע חדרים אין שטעטל געהאַלטן אין לערנען „אַקדמות", און אַז איך בין אויפגעשטאַנען פון בעט איז שוין געווען עטלעכע טעג נאָך שבועות. מיין טאַטע פלעגט מיר שפּעטער דערציילן, אַז יענעם שבועות בין איך גע־לעגן אין היץ און האָב „געפּלוידערט ווי אַ שיכורער גוי", אָבער איך — איך געדענק יענעם שבועות בעסער ווי אַ סך אַנדערע שבועותן, און ער איז ביי מיר אויך געבליבן דער שענסטער.

איך געדענק אַ חלום, וואָס האָט זיך מיר דעמאָלט געחלומט. דאָס הייסט, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ חלום, אָבער איך קען נאָך היינט שווערן ביי אַ ספר תורה, אַז עס איז געווען די וואָר אַליין. ווי אַזוי האָט עס געקענט זיין אַ חלום, אַז איך האָב עס אַלץ געזען מיט אָפענע אויגן, אַלץ, דעם וואַלד, דעם טייך, די פאַפּירענע בריק?...

וואַסער וואַלד, וואַסער טייך, וואַסער פּאַפּירענע בריק, פרעגט איר? לאָמיר דערציילן כסדר, פונקט ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

עס חלומט זיך מיר (זאָל זיין ווי „זיי" ווילן, אַז ס'איז נאָר געווען אַ חלום) — חלומט זיך מיר, אַז איך בין אין וואַלד, אין דעם וואַלד וואָס הינ־טער אונזער שטעטל, און איך גיב אַ קוק — ערשט פון אַלעביימער איז געוואָרן פּענעס, פּענעס צום שרייבן, פונקט אַזוי ווי אין „אַקדמות" שטייט:

ווען אַלע הימלען וואָלטן געווען פּאַרמעט, און אַלע וועלדער וואָלטן געווען פּענעס, און אַלע ימען וואָלטן געווען טינט, און אַלע מענטשן וואָלטן געווען שרייבער, וואָלטן זיי ניט געקענט אויסשרייבן די שיינקייט פון גאָט אין הימל און זיין הערשאַפט אויף דער ערד...

און אַזוי איז געשען אין אונזער וועלדל! ניט קיין בלעטער וואַקסן אויף די ביימער, נאָר גאָלע פּענעס. און ווער איז דער באַלעבאָס איבערן וואַלד? איך! און אַלע אינגלעך פון אַלע חדרים, וואָס דאַרפן נייע פּענעס צום שרייבן, קומען צו מיר, און איך קלעטער אַרויף אויף אַ בוים, רייס אַרויס אַ פּען פון אַ צווייגל און גיב! און יעדער אינגעלע דערלאַנגט מיר אַ גראָשן פאַר אַ פּען. נאָר איך נעם ניט די גראָשנס, חלילה! נאָר אויף יעדן בוים זיינען דאָ זיבן צווייגן, און אויף יעדער צווייג הענגען זיבן זעק, און אין אָט די זעק הייס איך די אינגלעך אַריינוואַרפן די גראָשנס, און אַלע גראָשנס גייען אויף אויסצוקויפן ארץ־ישראל פונם טערק, און ווען אַלע זעק וועלן זיין פול, דעמאָלט וועט ארץ־ישראל זיין אונזערס...

דערנאָך חלומט זיך מיר ווייטער ווי מיר, אַלע אינגלעך פון שטעטל, גייען שוין אַוועק קיין ארץ־ישראל! מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער, לאַנגער שורה, אַזוי לאַנג אַז מען האָט גאָרניט געקענט זען דעם עק! און געווען זיינען שוין דאָרט די אינגלאַך פון דער גאַנצער וועלט. און יעדער אינגל האָט געהאַלטן אַ שמחת תורה פאָן אין דער האַנט, רויטע פּענדלעך, גרינע, בלויע, געלע, אַלערליי קאָלירן, מיט אַן עפּל אויף יעדער פאָן, און אין יעדן עפּעלע אַ ליכטל, און מיר לאָזן זיך אַוועק קיין ארץ־ישראל, און בראש פון דער לאַנגער מחנה גייט שלמהקע, און איך גיי און האַלט זיין רעכטע האַנט, און יאָסעלע האַלט אים ביי דער לינקער האַנט, אַזוי ווי מיר האָבן זיך געשוואָרן...

און אַזוי זיינען מיר געגאַנגען דריי טעג און דריי נעכט, און געגעסן האָבן מיר די עפּעלעך פון די פאָנען, און וואונדער איבער וואונדער: ווי־פיל מיר האָבן פון די עפּעלעך ניט אָפּגעביסן, זיינען זיי אַלץ געווען גאַנץ! ביי טאָג פלעגן מיר אָפּבייסן פון די עפּעלעך, און ביינאַכט פלעגן זיי אָפּ־וואַקסן צוריק. און ביינאַכט האָבן מיר אָנגעצונדן די ליכטלעך און זיי האָבן אונז געלויכטן דעם וועג...

און געשלאָפן זיינען מיר גייענדיק, מיר האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּ־

שטעלן און זיך לייגן שלאָפֿן, כאָטש די נעכט זייענן געווען אַזוי שיין אין פעלד און וואַלד, ווייל מיר האָבן זעהר געגאַרט צו גרייכן ארץ ישראל וואָס געשווינדער.

נאָך דער דריטער נאַכט, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, זייִנען מיר אָנגעקומען צו אַ טייך. און אַזוי גרויס איז געווען דער טייך, אַז מען האָט ניט געזען דעם אַנדערן ברעג. וואָס ליכטיקער עס איז געוואָרן אַלץ מער האָבן מיר געזען ווי ברייט דער טייך גייט. און אַ זון איז יענעם טאָג אויפֿגעגאַנגען, וואָס אַזאַ שיינע זון איז נאָך קיינמאָל ניט אויפֿגעגאַנגען. אַ האַלבער הימל איז געווען ראָזעווע און אַ האַלבער פּערלמוטער, און דער גאַנצער הימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם טייך און מען האָט ניט גע־קענט וויסן צי דער הימל איז געווען אויבן אָדער אונטן...

און אַז עס איז גוט ליכטיג געוואָרן און מיר זייִנען צוגעגאַנגען נעֶ־ענטער צום טייך, כדי זיך אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער, גיבן מיר אַ קוק, ערשט עס איז ניט קיין טייך פֿון וואַסער, נאָר אַ טייך פֿון מילך!

מילך, מילך, ווי ווייט אונזער אויג האָט געקענט גרייכן — מילך! און דער ראָזעווער־פּערלמוטערנער הימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם מילכיקן טייך און עס האָבן זיך געמינעט אַלע פֿאַרבן!..

— אוי — האָט שלמהקע אַ פֿליעסקע געטאָן מיט די הענט — אַפֿנים מיר זייִנען שוין ניט ווייט פֿון ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פֿון מילך און האָניג!

און יאָסעלע האָט אונטערגעכאַפּט: און באַלד וועלן מיר מסתמא אָנ־קומען צו אַ טייך פֿון האָניג אויך!..

דערזען אַז ס׳איז אַ טייך גאָר פֿון מילך, טאָ ווי גיסט מען אָפּ נעגל־וואַסער דערמיט? צי מעג מען עס גאָר על פּי דין טאָן מיט מילך? עס זאָגט דאָך בפּירוש „נעגל־וואַסער״; און וואַסער איז וואַסער, און מילך איז מילך.

אַ ווײַלע איז שלמהקע געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אָבער באַלד האָט זיין פּנים אויפֿגעלויכטן און ער האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע:

חברה! דאָס גראָז אויף דער ערד און די בלעטער אויף די ביימער זייִנען נאַס פֿון טוי, אַזוי ווי נאָך אַ רעגן. מן השמים האָט מען די היינטיקע נאַכט צוגעגרייט טוי אַזוי ווי רעגן, כדי אידישע קינדער זאָלן האָבן מיט וואָס אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער. קינדער! מיר גיסן היינט אָפּ נעגל־וואַסער מטל השמים!

און אַזוי ווי אַ טשאַטע פֿויגעלאַך האָבן זיך די קינדער מיטאַמאָל געגעבן אַ לאָז אַראָפּ צו דער ערד און האָבן גענומען שעפּן פֿולע הויפּנס מיט פֿרישן טוי, און מיט גרויס פֿרומקייט זיך געריבן די הענטלאַך, און דערנאָך געוואַשן די פּנים׳ער, און באַלד איז געקומען די זון און האָט אויסגעטריקנט נאָך בעסער ווי אַ האַנטוך!

און שלמהקע האָט געגעבן אַ באַפֿעל און אַלע אינגעלעך האָבן זיך

אויסגעשטעלט ביים ברעג טייך אַזוי ווי מען שטעלט זיך אויס צו תשליך, נאָר עס איז געווען שענער פון אַלע תשליכס!

און ווען אַלע אינגעלעך זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט ווי עס דאַרף צו זיין, זאָגט שלמהקע, און כאָטש ער האָט גערעדט ניט הויך, דאָך האָבן אַלע אינגעלעך, אפילו ביים סאַמע עק געהערט:

— לאָמיר זאָגן „מודה אני"...

שלמהקע האָט געזאָגט „מודה אני" און אַלע אינגעלעך האָבן נאָכגע־זאָגט, און אַלע אינגעלעך האָבן מיט איינמאָל געקושט די ציצית. דערנאָך האָט שלמהקע געמאַכט „שהכל" און אַלע אינגעלעך נאָך אים, און שלמהקע און אַלע אינגעלעך נאָך אים האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די בייכלעך און מען האָט געטרונקען מילך פון טייך...

איז דאָס געווען טעם גן־עדן! אַזאַ מילך איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. איך שווער אייך, אַז דער טעם ליגט מיר נאָך היינט אין מויל...

אָפגעטרונקען די מילך און זיך אויפגעשטעלט צוריק, וואַרטן מיר וואָס ווייטער וועט זיין.

אַלע קוקן אויף שלמהקען: וואָס וועט ער הייסן טאָן? גיין ווייטער, איז דאָך דער טייך...

און שלמהקע שטייט אויף אַ פאַרלוירענער...

פלוצלינג הערן מיר אַ גערויש אַזוי ווי פון אַ סך פייגל איבער אונ־זערע קעפּ. מיר פאַררייסן די קעפּ, קוקן פון אַלע זייטן, און מען זעט גאָר־ניט. נאָר דער גערויש ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס איז אונז אַזש אַ מורא באַפאַלן און מיר האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן. באַלד אָבער זיינען מיר געבליבן אַזוי ווי פאַרגליווערטע פון וואונדער:

מיט אונזערע אויגן האָבן מיר דערזען ווי אַזוי פון הימל לאָזט זיך אַראָפּ אַ בריק, אַ לאַנגע, לאַנגע בריק, אַזוי לאַנג אַזש פון אונז ביז דאָרט וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אויף יענער זייט טייך מילך!

— דאָס טראָגן אונז מלאכים אַראָפּ אַ בריק פון הימל! — האָט שלמהקע אויסגערופן, און אַלע קינדער נאָך אים, און עס איז געוואָרן אַזאַ רעש פון די קינדער, אַז מען האָט שוין ניט געקענט הערן דעם רעש פון די מלאכימשע פליגלען...

און די בריק איז אַזוי ווייס ווי פּאַפּיר, און די פאַרענטשעס לענגאויס דער בריק זיינען שוואַרצע, און זיי זעען אויס אַזוי ווי די שוואַרצע פּאַסן אויף אַ טלית... און אויף וואָס מיינט איר האָט זיך געהאַלטן די בריק?

זי איז געהאַנגען אויף פיר ציצית! ביי יעדן ווינקל אַ ציצה. פון הימל אַראָפּ האָבן זיך געצויגן די ציצית, און אויף די ציצית איז געהאַנגען די בריק.

— דאָס איז די פּאַפּירענע בריק פון משיחס צייטן! — האָט שלמהקע אויסגערופן און ער טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ אויף דער ערד און נעמט אַראָפּציען זיינע שיך און גיט אַ קאָמאַנדע: חברה! די שיך אַראָפּ! און אַלע אינגלעך גיבן זיך אַ זעץ אַנידער און עס ווערט אַ שלעפּענעש פון שיך. דערנאָך גיט שלמהקע אַ וואַרף די שיך אַריבערן אַקסל, און אַלע אינגלעך דאָס זעלבע, און שלמהקע גיט אַ רוף אויס... בית יעקב לכו ונלכה! און ער האָט זיך געלאָזט גיין אויף דער בריק, און אַלע אינגעלעך נאָך אים.

גייען מיר זיך און מיר זינגען, פריילעך און טאַנצנדיק, אַזוי ווי מען זינגט ווינטער אין אָוונט ווען מען גייט פון חדר. פּלוצלינג בלייבט שלמהקע שטיין, און מיר אַלע מיט אים. ער נעמט זיך שאַרף אַריינקוקן אין דער פּאַ־פּירענער בריק, און אַלע אינגעלעך נעמען זיך אויך אַריינקוקן. איך אויך. און וואָס מיינט איר זעען מיר?

מיר זעען ווי די גאַנצע בריק, פון אויבן ביז אַראָפּ, איז פאַרשריבן מיט „איך בין געפאָרן קיין וואַרשע קויפן סחורה״! וואו איר גיט אַ וואַרף אַ בליק, רק „איך בין געפאָרן קיין וואַרשע קויפן סחורה״... און אַמאָל, פּאַר אַן איבערבייט: „איך בין געפאָרן קיין פּינסק קויפן סחורה.״

און שלמהקע שטעלט־אָן אויף מיר אַ פּאָר בליציקע אויגן און גיט אַ זאָג:

— דאָס האָסטו אַזוי פאַרשריבן משיחס בריק מיט „סחורה״, מיט „וואַרשע״, מיט „פּינסק״? אַוודאי דו! איך דערקען דיין כתב! און וואו זיינען גאָט׳ס וואונדער פון אַקדמות? און קיין איינמאָל האָסטו ניט געשריבן „איך בין געפאָרן קיין ירושלים קויפן סחורה״! דאָס מיינט מען: לערנען תורה. תורה איז די בעסטע סחורה.

איך בין מודה אַז דער כתב איז טאַקע מיינער און איך קוק אויף דער בריק און באַמערקט ווי דאָס ווייסע פּאַפּיר ווערט שוואַרץ, שוואַרץ, ביז גאָר שוואַרץ, און איך ווייס ניט צי דאָס ווערט דאָס פּאַפּיר שוואַרץ צי עס ווערט מיר אין די אויגן שוואַרץ. און אַזוי ווי איך שטיי אַזוי און אַלעמענס בליקן זיינען אָנגעשטעלט אויף מיר, דערפיל איך ווי די פּאַפּירענע בריק אונטער מיינע פיס הויבט זיך אָן רייסן, רייסן, און עס ווערט אַ גרויסע לאָך, און איך — פליוך אַראָפּ אין טיין אַריין! אין דעם מילכיקן טייך...

פון דעם פליוך, און פון דער נאַסקייט און קאַלטקייט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גרויס געשריי, און אַז איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך דערזען ווי די מאַמע שטייט מיט האַנטיכער איבער מיר און ווישט מיך אַרום.

— דאָס קינד ליגט אין אַ טייך שוויס — הער איך ווי זי זאָגט צום טאַטן.

— מאַמע, וואָס פּאַר אַ שוויס! — שריי איך אַ דולער — דאָס איז דאָך מילך!

— גאָט איז מיט דיר, מיין קינד! — ענטפערט זי מיר — וואָס אַזוינס האָט זיך דיר געחלומט?

— עס איז ניט קיין חלום, מאַמע! — שריי איך און יעדער גליד ציטערט אין מיר — פרעג שלמהקען. ער איז געבליבן דאָרט אויבן אויף דער בריק! רוף אים אַראָפּ!

וואָס פאַראַ בריק? — טענה׳ט די מאַמע אויף צוריק — וואו האָסטו געזען אַ בריק?

בריק אַהין און בריק אַהער, מילך היינט און מילך מאָרגן, מען האָט מיך אַרומגעווישט, איינגעוויקלט און איינגעוואַרעמט און איך בין איינגעשלאָפן.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אַרויס פון בעט. די ערשטע זאַך האָב איך אַרומגעטאַפּט דאָס רעקל און געזען, עס ליגט נאָך דאָרט דער גראָשן און די צוויי פּענעס. דערנאָך בין איך געלאָפן אין גערטנדל און געזען, אַז קיינער האָט ניט געטשעפּעט דעם שטיין מיט די פאַרגראָבענע צוויי קאָפּיקעס. דערנאָך בין איך הענדום־פּענדום אַוועקגעלאָפן צו שלמהקען און האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשה פון די פּענעס מיטן גראָשן פון אַלף ביז תו.

— עס איז געווען מן השמים — פּסקנט אָפּ שלמהקע — עס איז דיר באַשערט געווען אַ גראָשן פאַר ארץ־ישראל.

— אָבער וועמעס גראָשן איז עס? — פרעג איך אים מיט אַ האַרבן קול — איז עס מ י י ן גראָשן, באמת מיינער, אָדער איז עס, חלילה, מיין טאַטנס? וואָס זאָגן די ספרים דערויף?

— גיי האָב צו טאָן מיט אַן עם הארץ — מאַכט ער אַזוי ווי ריידנדיק צו אימיצן אַנדערש — איך זאָג דאָך דיר עס איז דיין גראָשן, ווארים אַז דער טאַטע האָט דיר געגעבן דעם גראָשן, האָט ער זיך דאָך מייאש געווען דערפון, און אַזוי איז עס מיט אַלע טאַטעס און מאַמעס, ווען זיי גיבן עפּעס זייערע קינדער. אַזוי איז עס מיט מיין קאָפּיקע און מיט יאָסעלעס אויך. און אַז דיין טאַטע האָט זיך מייאש געווען, איז דער גראָשן על־פּי דין הונדערט פּראָצענט דיינער...

דער דאָזיקער פּסק־דין האָט מיך איינגאַנצן באַרואיקט. איך האָב אָפּגעטשאַטעוועט אַ מינוט, ווען קיינער האָט ניט געזען, און האָב דעם גראָשן צוגעלייגט צו די צוויי קאָפּיקעס אונטערן שטיין.

אויף מאָרגן בין איך אַוועק צוריק אין חדר אַריין, און אַז איך האָב זיך געזעצט שרייבן מיט מיין נייער פּען, האָב איך שוין מער ניט געשריבן „איך בין געפאָרן קיין וואַרשע קויפן סחורה״, אָדער קיין פינסק, נאָר איך האָב געשריבן מיט גרויסע אותיות:

„איך בין געפאָרן קיין ירושלים לערנען תורה״...

ז.

אַ שאלה ביים רב

נו, האָב איך אייך שוין דערציילט ווי אַזוי איך און מיינע צוויי חברים האָבן אָנגעקליבן דריטהאַלבן קאָפּיקעס פאַר ארץ־ישראל. נאָר מיר זיינען דערביי ניט געבליבן שטיין. מיר האָבן ווייטער געקליבן און געקליבן, ביז מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט צו גאַנצע צען קאָפּיקעס.

איך וואָלט אייך אוודאי געוואָלט דערציילן ווי אַזוי אונז איז אָנגעקומען יעדער נייער גראָשן און יעדער נייע קאָפּיקע און, בנאמנות, עס וואָלט געווען וואָס צו הערן און אויך עפּעס צו לערנען דערפון. נאָר דאָס וואָלט פאַרנומען נאָך אַ טאָג מיט נאָך אַ נאַכט, און אפשר טאַקע צוויי... וועל איך עס איבערהיפּן. נאָר פון נאָך איין קאָפּיקע מוז איך אייך דערציילן. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער מין קאָפּיקע...

ביי אונז אין שטעטל, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך, איז געווען אַ „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע", פּייערלעשער, הייסט עס, מיט פעסלעך, מיט וואַסער־קישקעס, מיט לייטערס און העק, און דער עיקר — מיט גלאַנציקע מעשענע היטלען און מעשענע טרובעס. בשעת אַ שרפה האָבן זיי ווייניק וואָס געהאָלפן, נאָר אַזוי האָט זיך געפירט — אַ שטעטל האָט געדאַרפט האָבן אַ פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. מיין ברודער שייע איז געווען אין דער „פּאָזשאַרנע."

איינמאָל יענעם זומער האָט די „פּאָזשאַרנע" באַשלאָסן צו מאַכן מאַנעווערעס. וואו מאַכט מען מאַנעווערעס? פאַרשטייט זיך, אויפן גרויסן מאַרק. און אויפן גרויסן מאַרק איז אויך געווען דער חדר, וואו איך האָב געלערנט. עס איז געווען יהושע יעקב האַלצמאַנס חדר, אין „נאָסיעס מויער". און טאַקע נעבן נאָסיעס מויער, פונקט אַנטקעגן די פענצטער פון חדר, האָבן געדאַרפט פאָרקומען די מאַנעווערעס.

אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך געגרייט צו די מאַנעווערעס. עס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין שטעטל. און מער פון אַלעמען האָבן זיך געגרייט די אינגלעך. עס איז געווען זייער יום־טוב. פון אַלע חדרים האָט מען פריי־געלאָזט די אינגלעך דעם אַנדערן האַלבן טאָג, צו די מאַנעווערעס.

פון אַלע חדרים — נאָר ניט פון מיינעם. שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס, נאָר מיין רבי האָט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אָנגעזאָגט די אינגלעך, אַז פאַר זיי איז ניטאָ קיין פּאָזשאַרנעס מיט מאַנעווערעס. ביי אים אין חדר וועט מען לערנען גלייך ווי גאָרניט.

בשעת די מאַנעווערעס קומען פאַר גראָד דאָ הינטער די פענצטער!..

אַן אומעט האָט זיך געלייגט אויף אַלע אינגלעך. אין אַלע חדרים איז יום־טוב, און ביי אונז אין חדר איז תשעה באב. און אָט קומט־אָן די גרויסע

שעה. דער מאַרק איז פול מיט מענטשן. גאַנץ שטאָט איז דאָ פאַרזאַמלט. דער טאָג איז וואונדערבאַר, ליכטיק, זוניק, הייס. צוליב דער היץ האַלטן מיר אָפן די פענצטער און זעען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין מאַרק, נאָר מיר, אומגליקלעכע, זיצן אַרעסטירט. און אָט באַווייזן זיך שוין די פעסלעך, און די פאַזשאַרניקעס אויף פערד, און די מעשענע היטלען פינקלען אין דער זון, און אַלץ שטעלט זיך אויס אין גלייכע שורות. מיר זעען אַלץ און זיצן ווי אויף הייסע קוילן, און דער רבי, ער זיצט און לערנט מיט אונז. נאָר ווער הערט וואָס ער לערנט, אַז די קעפּ זיינען אין דרויסן? און אָט הייבן זיך שוין אָן די סאַמע רעכטע מאַנעווורעס: עס גיט אַ קלאַפּ אַ פּויק... עס טרובען זיך פאַנאַנדער די טרובעס...

ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער קלאַפּ פון דער פּויק, און די איינגלעך, אַזוי ווי מען וואָלט זיי אונטערגעשאָסן, אַלע ווי איינער נעמען שפּרינגען דורך די פענצטער, טאַקע נאָר אַזוי ווי אין אַ שׂרפה: איין הרף־עין און דער חדר איז געוועזן ליידיק! אַז דער רבי איז געבליבן אַזש צעטומלט. אפילו זיינע אייגענע דריי איינגלעך, פיניע, מאָטל דער געלער און יאָסל דער לאַנגער זיינען אויך אַרויסגעשפּרונגען.

בלויז איין איינגל איז געבליבן זיצן. דאָס איז געווען — איך...

איך האָב דעם רבין געפאָלגט. מיר איז געווען אַזאַ רחמנות אויף אים, וואָס די איינגלעך האָבן אים אַזוי אָפּגעטאָן. און בלייבנדיק איינער אַליין האָב איך גענומען לערנען מיט גרויס פייער. דאָס הערצל האָט געצויגן אין דרויסן, אוי, ווי עס האָט געצויגן! נאָר איך האָב זיך געשטאַרקט, און מיין באַגייסטערונג האָט דעם רבין אויף אָנגעצונדן און מיר האָבן געלערנט אַזוי געשמאַק ווי נאָך קיינמאָל ניט. דרויסן איז דער מאַרק געגאַנגען כּאַדאַראַם, און מיר צוויי איינע אַליין אין אַ גרויסן פּוסטן חדר זיינען געזעסן און האָבן געלערנט. מיר האָבן פאַרגעסן אַלץ אַרום אונז. עס איז געווען אמתער ביטול היש.

די מאַנעווורעס האָבן געדויערט אַ פּאָר שעה און לסוף האָט זיך די חתונה איינגעשטילט. עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער פאַרנאַכט. מיר האָבן פאַרמאַכט דעם חומש, און איך האָב גענומען גיין אַהיים.

ביי דער טיר שטעלט מיך דער רבי אָפּ, און ער נעמט אַרויס אַ קאָפּיקע און מאַכט צו מיר: ביסט אַ גוט איינגל, חיים, נאַ דיר אַ קאָפּיקע, און אויפן וועג אַהיים קויף זיך אַ נאַשערייַ...

און דאָס איז געווען די פּערטע קאָפּיקע.

אָט אַזוי ליבע אידן, וואָלט איך אייך געקענט דערציילן קאָפּיקע נאָך קאָפּיקע, נאָר איך מוז עס מאַכן בקיצור.

בקיצור, מיר פאַרמאָגן שוין צען קאָפּיקעס. מיר האָבן שוין פאַרלוירן דעם חשבון וויפיל דערפון האָט שלמהקע אַריינגעבראַכט, וויפיל

יאָסעלע און וויפיל איך. אָבער וואָס איז דען געווען דער חילוק? עס איז דאָך געווען פאַר ארץ־ישראל, איז עס געווען — שלי שלך ושלך שלך: מיינס איז דיינס, און דיינס איז דיינס...

און איך בין נאָך אַלץ דער קאַסירער, און טאָג און נאַכט ציטער איך איבערן געלט וואָס איז דער באַהעלטעניש, און עס איז אַ גאַנצער הויפן מיט קופּער! ביז מיר איז איינגעפאַלן אַ קלוגע דעה: איך האָב אַרויסגענומען דעם הויפן קופּער פון גריבעלע, בין אַוועק דערמיט צו אַ קרעמער אין עק שטאָט, קיינער זאָל מיך ניט כאַפּן, און דאָרט האָב איך אויסגעביטן דעם הויפן קופּער אויף איין מטבע, אַ זילבערנע „גריוועניקע". אַ „גריוועניקע" אין רוסיש געלט איז געווען אַזוי קליין ווי אַ „דאַים" אין אַמעריקאַנער געלט. דערנאָך האָב איך אויפגעטרענט אַ קלייניקע עפענונג אין אַ כנפע פון מיין טלית־קטן און האָב אַהין פאַרשטעקט די גריוועניקע. דעם טלית־קטן וועט זיכער קיינער ניט גנבענען, האָב איך געטראַכט: אַ איד האָט עס, און אַ גוי דאַרף עס ניט...

און ביינאַכט פלעג איך לעגן דעם טלית־קטן צוקאָפּנס הינטערן קישן.

בלויז אויף שבת פלעג איך אַרויסנעמען די גריוועניקע פון טלית־קטן און ערגעץ פאַרשטעקן, קיין „בייז אויג" זאָל עס ניט געשען...

איינמאָל גיט שלמהקע אַ זאָג צו מיר און צו יאָסעלען: נו, וואָס וועט זיין דער תכלית? וויפיל איז דער שיעור צו האַלטן דעם קאַפּיטאַל אין דער קאַסע? שוין צייט אַוועקצושיקן וואו מען דאַרף.

געווען איז עס שבת בייטאָג, ווען די עלטערע אידן זיינען געשלאָפן נאָכן טשאָלנט און קוגל, און יונגוואַרג איז אַרויס שפּאַצירן אויף דער היל־צערנער בריק הינטערן שטעטל. שלמהקע, יאָסעלע און איך זיינען אויך גע־גאַנגען אויף דער בריק און שפּאַצירט. זינט מיר האָבן געהאַט אונזער סוד האָבן מיר דרייען זיך מערסטנס געהאַלטן אינאיינעם און זיך קיין סך ניט געמישט מיט אַנדערע אינגלעך.

רופט זיך אָפּ יאָסעלע: היינט איז שבת, מען טאָר גאָרניט ריידן וועגן געלט, וועגן קויפן און עסקים...

— פאַר ארץ־ישראל מעג מען! — האָט שלמהקע אַ זאָג געטאָן אַ ביסל מיט פאַרדראָס, נאָר באַלד האָט ער זיך גובר געווען און שוין מער בנעימותדיק, מוסיף געווען:

— אויף אויסצוקויפן ארץ ישראל מעג מען אפילו אום שבת לאָזן שרייבן אַ קאָנטראַקט... אַזוי זאָגט די גמרא!

יאָסעלע און איך זיינען פאַרציטערט געוואָרן ווען מיר האָבן עס דערהערט. עפּעס האָט זיך אונז ניט געגלויבט אַזאַ זאַך אויף דער גמרא. מיט איבערגעשראָקענע אויגן האָבן מיר געקוקט אויף שלמהקען און ניט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט.

— וואָס קוקט איר מיך אָן מיט קעלבערנע אויגן? — מאַכט צו אונז שלמהקע, — שוטים וואָס איר זייט! איך זאָג ניט, אַז מען מעג אַליין שרייבן אַ קאָנטראַקט אום שבת, נאָר מען מעג הייסן אַ גוי שרייבן.

אָבער דאָס האָט זיך אונז אויך ניט געגלויבט. יאָסעלע און איך האָבן געוואוסט איין זאַך: וואָס מען טאָר אַליין ניט טאָן אום שבת, טאָר מען אַ גוי אויך ניט הייסן טאָן. נאָר וואָס האָבן מיר געקענט זאָגן געגן שלמהקען, אַז ער האָט שוין פאַרט געלערנט גמרא און מיר נאָך ניט. האָבן מיר געשוויגן. שלמהקע האָט גערעדט און מיר האָבן געשוויגן. דאָס הייסט, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן, האָבן מיר מיט אים גערעדט גלייך ווי גאָרניט. נאָר קוים האָט ער דערמאָנט ארץ־ישראל מיט די צען קאַפּי־קעס האָבן מיר געשוויגן, גלייך מיר האָבן גאָרניט געהערט.

נאָר פון אַזאַ שפּאַציר מיט ברוגז האָבן מיר שוין קיין הנאה ניט גע־האַט און מיר זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים פריער ווי מיר פלעגן זיך געוויינ־לעך פאַנאַנדערגיין איעדן שבת.

נאָר אין אָונט, גלייך נאָך הבדלה, איך גיב אַ קוק — יאָסעלע איז דאָ ביי מיר.

דאָס וואָס ער איז געקומען אומגעריכט איז געווען גאָרניט. מיר פלעגן אַלע ווייַלע לויפן איינער צום אַנדערן. נאָר ער איז געווען זייער אומעטיק, פּונקט אַזוי ווי טאַטעס פלעגן ווערן אומעטיק נאָך הבדלה. ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס, מאַכט ער צו מיר, און זיין קול איז געווען זייער אויפגערעגט:

— דו ווייסט, איך האָב מורא געקראָגן פאַר שלמהקען. איך האָב מורא, אַז צוליב אים וועלן מיר קומען אין גיהנום, ניט אין ארץ־ישראל.

— דו מיינסט — ענטפער איך — וואָס ער האָט געזאָגט וועגן שבת?

— יאָ, — מאַכט יאָסעלע, — מיר געפעלט עס ניט. אַז מען הייבט שוין אָן זיך טשעפּן צום שבת, איז עס ניט קיין גוטער סימן. איך האָב מורא, אַז שלמהקע הייבט מיר אָן אַראָפּגיין פון גלייכן וועג...

מאַך איך צו יאָסעלען: אָבער אפשר מעג מען פאַרט?

— אָט וועגן דעם טאַקע בין איך געקומען צולויפן! — ענטפערט יאָסעלע האַסטיק, — מיר מוזן גלייך אויסגעפינען צי עס שטייט טאַקע אַזוי אין דער גמרא. נאָך היינטיקע נאַכט מוזן מיר עס אויסגעפינען, וואָרים עס קאָכט אין מיר מיין בלוט!

— נאָר ווי אַזוי געפינט מען עס אויס? — פרעג איך אַ צעטומלטער.

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — מאַכט יאָסעלע, — דו וועסט אַריינגיין צום רב און פרעגן אַ שאלה.

— איך? וואָס עפּעס איך? — פרעג איך אַ דערשראָקענער.

— ווייל ר׳ איצעלע איז דיר משפחה, דאַרפסטו גיין! — ענטפערט ער — ווען איך זאָל גיין און אימיצער זאָל זען אַז איך גיי צום רב, וועט באַלד

ווערן אַ געריידַ אין שטעטל, אַז ביי יונה דעם שמיד איז עפּעס געוואָרן אַ שאלה. אָבער דו ביסט דאָך מיטן רב משפּחה מעג מען גיין איינער צום אַנדערן, און עס איז ניטאָ קיין קשיות.

דער רב, ר׳ איצעלע, איז טאַקע מיר געווען אַ נאָענטער קרוב, און איך פלעג טאַקע גאַנץ אָפט זיין ביי אים אין הויז. ער איז געווען אַן אַלטער איד, אַ הויכער, אַ שטאַטלעכער, מיט אַ לאַנגער באָרד ווייס ווי שניי, און שטענ־דיק, שטענדיק פלעגט ער זיצן איבער די גרויסע גמרות, און אַז איך פלעג אַריינקומען צו אים, פלעגט ער מיך נעמען אויף די קני, און איך פלעג זיצן צווישן דער גרויסער גמרא פון איין זייט און זיין גרויסער באָרד פון דער אַנדערער זייט, און איך פלעג פילן, אַז קיין בייזער מלאך קען דעמאָלט צו מיר ניט צושטיין.

אַזוי איז געווען אַלעמאָל, און אַזוי איז אויך געווען יענעם שבת־צו־נאַכטס, ווען איך בין געגאַנגען פרעגן די שאלה וועגן שלמהקען.

איך קום אַריין צום רב, זאָג „אַ גוט־וואָך״, און ר׳ איצעלע קומט מיר אַנטקעגן, גלעט מיך איבערן קעפל, פרעגט מיך וואָס טאַטע־מאַמע מאַכן, וואָסער סדרה מען האָט די וואָך געלייענט, און נאָך אַזעלכע זאַכן, אָבער מיר איז דער קאָפּ ניט דערביי און איך פּאָר אַרויס:

— פעטער, איך האָב אייך אַ גרויסע שאלה צו פרעגן!

— אַזוי! מאַכט ער, — אַ גרויסע שאלה?! אַ קליין אינגעלע מיט אַ גרויסער שאלה, שיין, פיין. אדרבא, לאָמיר הערן, וואָס איז דיין שאלה?

— איז עס אמת, אַז צוליב ארץ־ישראל מעג מען הייסן אום שבת אַ גוי שרייבן?

פאַרקנייטשט ער מיט די ברעמען, גיט אַ לאַנגן גלעט די באָרד, און מאַכט צו מיר, און זיין גאַנצער פּנים שמייכלט:

— טאַקע אַ האַרבע שאלה פאַר אַ קליין אינגל, ניטאָ וואָס צו לייקענען, נאָר אפשר קענסטו, מיין קינד, מיר זאָגן: פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ שאלה?

ענטפער איך: עס איז ניט מיין אייגענע שאלה, נאָר אַן אַנדער אינגל האָט מיך געשיקט פרעגן...

— נו, מאַכט ר׳ איצעלע, — וועלן מיר אַ קוק טאָן אין די ספרים און פסקענען דיין שאלה...

און ער גייט צו צו אַ שאַפע, נעמט אַרויס אַ גרויסע גמרא, ברענגט זי צו צום טיש און מישט אַ ביסל און זאָגט:

— יאָ, מיין קינד, אַזוי זאָגט די גמרא: אויסקויפן ארץ־ישראל פון גויאישע הענט איז אַזאַ גרויסע מצווה, אַז מען מעג הייסן אַ גוי שרייבן אַ קאָנטראַקט אום שבת...

— פאַרוואָס קען מען ניט וואַרטן ביז שבת־צו־נאַכטס? — פרעג איך.

— ווייל מיר האָבן מורא, — ענטפערט ר׳ איצעלע, — אַז ביז שבת־צו־נאַכטס קען נאָך דער גוי, דער פאַרקויפער, חרטה האָבן . . .

דערהערט די דאָזיקע רייד האָב איך זיך געגעבן אַ ריס אַרויס פון ר׳ איצעלע, און איך געדענק אפילו ניט, צי איך האָב געזאָגט „אַ גוטע וואָך”, און בין אָן אָטעם אַוועקגעלאָפן צו יאָסעלען, וואו ער איז געשטאַנען און געוואַרט, און איך האָב אים דערציילט אַלץ, וואָס ר׳ איצעלע האָט גע־פסקנט.

ווען יאָסעלע האָט דאָס דערהערט, האָט ער לכתחילה זיך שטאַרק דערפרייט און געזאָגט:

— אויב אַזוי, פאַרשטייט דאָך שלמהקע די שוואַרצע פינטעלעך גאָר ניט שלעכט . . .

נאָר באַלד איז ער צוריק שטאַרק מרה־שחורהדיק געוואָרן. קוקנדיק אויף אים איז מיר אויך אומעטיק געוואָרן און איך פרעג אים:

— יאָסעלע, וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק?

— עס איז אַלץ צוליב שלמהקען, — ענטפערט ער מיר און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיר קוקן אין פּנים אַריין. — מיר האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, און דאָס איז אַ גאָר גרויסע עבירה . . .

— מיר האָבן אים חושד געווען, מיר האָבן אים מבייש געווען, — האָט יאָסעלע גערעדט שוין מער צו זיך אַליין ווי צו מיר, און ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט.

— און איך האָב אויך געטראַכט שלעכטס אויף שלמהקען — האָב איך געזאָגט, — איך האָב אויך אַזוי געזינדיקט ווי דו. אַז מען וויל זוכה זיין צו קומען קיין ארץ־ישראל, מוז מען ווערן ריין פון זינד, און מיר זינדיקן גאָר נאָך מער . . .

— מיר דאַרפן נעמען אויף זיך אַ תשובה, — האָט יאָסעלע געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ תשובה? — האָב איך געפרעגט.

— ווי אַזוי די זינד, אַזוי דאַרף זיין די תשובה, — האָט יאָסעלע גע־ענטפערט, — מיר האָבן שלמהקען חושד געווען, אַז ער איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן, דאַרפן מיר אָפּקומען מיט אונזערע פיס. מידה כנגד מידה. לאָז מיך אַ ווײַלע און איך וועל דערטראַכטן אונזער שטראָף . . .

און ער האָט זיך דערטראַכט.

אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען צוויי אינגעלעך אין אונזער שטעטל געגאַנגען אין חדר אַריין אַזוי ווי זיי וואָלטן פלוצלינג געקראָגן קרומע פיס. דאָס זיינען געווען יאָסעלע און איך. יענעם טאָג האָבן מיר אָנגעטאָן אונ־זערע שיך קאַפּויר: דעם רעכטן שוך אויף דעם לינקן פוס, און דעם לינקן שוך אויף דעם רעכטן פוס, און אַזוי זיינען מיר מיט יסורים אָפּגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג . . .

דאָס איז געווען דער תיקון, וואָס יאָסעלע האָט צוגעטראַכט פאַר אונ־זער זינד געגן שלמהקען.

און שלמהקען האָבן מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם...

ז.

די גרויסע איבערראַשונג

די גאַנצע וואָך נאָך יענעם שבת מיט דער שאלה האָבן מיר ווייניק גערעדט מיט שלמהקען. דאָס הייסט, מיר, יאָסעלע און איך, האָבן שוין גאָר שטאַרק געוואָלט מיט אים ריידן, נאָר ער האָט זיך אַזוי ווי אַרויסגע־דרייט פון אונז. צוויי טעג איז ער גאָרניט געקומען אין בית־מדרש אַריין, נאָר איז געגאַנגען דאַוונען מנחה־מעריב אין סטאָלינער שטיבל, בשעת מיר האָבן געוואַרט אויף אים אין בית־מדרש. דערנאָך, אַז ער איז שוין געקומען אין בית־מדרש, האָט ער עפּעס גאָר אַנדערש געדאַוונט, גאָרניט ווי גע־וויינלעך: שמונה עשרה איז ער געשטאַנען לענגער ווי דער רב, און פאַר דער שמונה עשרה און נאָך דער שמונה עשרה האָט ער געדאַוונט מיט אַזאַ מין דביקות, אַז ער האָט גאָרניט געהערט וואָס מיר ריידן צו אים, אָדער ער האָט אונז געענטפערט: נו אַ, נו אַ... אסור לדבר... און באַלד נאָכן דאַוונען איז ער נעלם געוואָרן.

ווי מיר און יאָסעלען איז געווען אויפן האַרצן דערפון, זאָלט איר שוין גאָרניט פרעגן. אַזוי האָבן מיר אָפּגעליטן ביזן אַנדערן שבת. שבת נאָך וואַר־מעס האָבן מיר אויף גאָרניט געוואַרט און זיינען באַלד אָוועקגעלאָפן צו שלמהקען אַהיים, און איך בין אַריין אינעווייניק און געזאָגט:

— שלמהקע! יאָסעלע וואַרט אינדרויסן, מיר וועלן גיין שפּאַצירן.

אַפּנים לכבוד שבת האָט שלמהקע ניט געוואָלט אָנהאַלטן דעם ברוגז, און ער איז געגאַנגען.

גייען מיר זיך ווידער שפּאַצירן אויפן בריק. יאָסעלען און מיר טוען נאָך ווי די פּיס, נאָר מיר גייען, און אַ ביסל רעדט מען, און אַ ביסל איז מען ברוגזלעך. נאָר אַז מיר האָבן זיך צוגעזעצט אָפּרוען, מאַכט יאָסעלע, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו מיר אַליין און שלמהקע איז גאָר ניטאָ דערביי:

— אין אמתן איז דאָך טאַקע שלמהקע גערעכט: ביז וואַנען פּאָרט וועט דאָס געלט ליגן ביי אונז? מען וועט ארץ־ישראל ניט קויפן, אַז דאָס געלט וועט ליגן און זיך וואַרעמען ביי אונז אין קעשענע...

מאַכט שלמהקע צו אים: אום שבת רעדסטו וועגן געלט און וועגן קויפן? ווי קומט עס צו דיר, יאָסעלע? און ער גיט אַ פּלאַץ אַרויס אין אַ

געלעכטער: איר מיינט, איך ווייס ניט, אַז איר זייט געגאַנגען צום רב פרעגן אַ שאלה אויף מיר? כאַ־כאַ־כאַ!..

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, שלמהקע? — זיינען מיר צוגעפאַלן צו אים.

— וואָס הייסט פון וואַנען? — ענטפערט ער — הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין זאַך זאָל ניט בלייבן פאַרבאָרגן. גלייך אויף מאָרגן אינ־דערפרי בין איך אין בית־מדרש ביים דאַוונען, הער איך ווי ר׳ איצעלע רעדט מיט חיימס טאַטן און זאָגט צו אים: האָסט אַ וואויל אינגל, משה יצחק. נעכטן, באַלד נאָך הבדלה, קומט ער צו מיר מיט אַ שאלה, וואָס פּאַסט גאָר פאַר אַ גרויסן... און ער האָט אים דערציילט די שאלה, און איך האָב אַלץ געהערט און באַלד פאַרשטאַנען.

האָבן מיר, יאָסעלע און איך, אויך געלאַכט, און מיר האָבן דערציילט שלמהקען ווי אַזוי מיר האָבן חרטה געהאַט און האָבן תשובה געטאָן, און ווי אַזוי די פּיס טוען אונז נאָך היינט ווי פון דעם תיקון, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען, און מיר האָבן אַלע געלאַכט און געלאַכט.

און אַז מיר האָבן זיך אויסגערעדט און אויסגעלאַכט זיינען מיר אַלע געוואָרן צוריק חברים אַזוי ווי געווען.

און צי מען האָט געמעגט, צי מען האָט ניט געמעגט, נאָר טאַקע דאָרט, אויפן אָרט, יענעם שבת, האָבן מיר גענומען באַטראַכטן די לאַגע: וואָס טוט מען מיט די צען קאַפּיקעס? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז זיי זאָלן אָנקומען אויפן ריכטיקן אָרט און אַריינגיין פאַר אונזער חלק אין ארץ־ישראל? וואו־הין שיקט מען און צו וועמען שיקט מען און ווי אַזוי שיקט מען, ווען מען וויל שיקן צען קאַפּיקעס צום פאָלק ישראל?

מיר האָבן געטראַכט און געטראַכט, זיך געבראָכן די קעפּלעך, און זיך צו גאָרניט געקענט דערטראַכטן. אפילו שלמהקע מיט זיין גמרא־קעפּל האָט אויך קיין שום עצה ניט געקענט געבן. מיר וואָלטן אפשר גע־פרעגט ביי די גרויסע וואָס מען טוט, איז ערשטנס האָבן מיר מורא גע־האַט, אַז מען וועט זיך דערוויסן, אַז מיר האָבן געלט, און צווייטנס, האָט עס ניט אויסגעזען אַז די גרויסע אַליין ווייסן אויך. ווארים אין שטעטל האָט זיך טאַקע געקאָכט מיט ארץ־ישראל, נאָר קיין חברה פאַר ציון איז נאָך דאָרט ניט געוואָרן און קיין געלט האָט מען נאָך ניט געשיקט און עס איז נאָך ניט געווען וואָס צו שיקן, טאָ וועמען וועט מען פרעגן?

און אין האַרצן זיינען מיר גראָד געווען צופרידן וואָס מיר, אינגלעך, האָבן איבערגעיאָגט די גרויסע...

נאָר די וועלט זאָגט דאָך, אַז וואו תורה דאָרט איז חכמה, און דאָס איז טאַקע אמת. ווארים לסוף איז שלמהקע פאָרט געפאַלן אויף אַן עצה, און עס איז טאַקע געווען אַ קלוגע עצה. אַי, וואָס שפּעטער האָט זיך אויסגע־לאָזט גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס האָט ניט דערצו. שלמהקעס עצה איז געווען אַן עצה.

— ווייסט איר וואָס, — האָט אונז שלמהקע פלוצלינג אַ זאָג געטאָן מיט דער שמחה פון אַ גליקלעכן איינפאַל — לאָמיר גיין אויף דער פּאַטשט, און דאָרט וועט מען אונז זאָגן וואוהין צו שיקן! די פּאַטשט ווייסט אַזעלכע זאַכן.

און ער לאָזט זיך אַוועק אונז מסביר צו זיין דעם ענין און קנעלט מיט אונז אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ שטיקל גמרא, און ער מאַכט, טאַקע מיט דעם גמרא־ניגון:

— למשל, איינער קומט אויף דער פּאַטשט און זאָגט: איך וויל שיקן אַ בריוו קיין פּעטערבורג. און אַ צווייטער קומט און זאָגט: איך וויל מיין בריוו זאָל גיין קיין וואַרשע. און אַ דריטער וויל גאָר זיין בריוו זאָל גיין קיין אַמעריקע, אָדער מאַלע וואָס פאַר אַן ערטער עס זיינען אַלץ דאָ אויף דער וועלט. די פּאַטשט נעמט די אַלע בריוו און זיי קומען טאַקע אָן אויפן ריכטיקן אָרט. פרעגט זיך די קשיה: פונוואַנען ווייסט די פּאַטשט, וואָס שטייט אויף דער פּאַטשטאָווער גאַס דאָ ביי אונז אין שטעטל, ווי אַזוי מען דערלאַנגט זיך אי קיין פּעטערבורג, אי קיין וואַרשע, אי קיין אַמעריקע, אי צו אַלדע גוטע יאָר? נאָר איר זעט דאָך! איז מיין עצה, מיר זאָלן גיין אויף דער פּאַטשט און זאָגן: מיר ווילן שיקן צען קאָפּיקעס קיין ארץ־ישראל, און עס וועט אם ירצה השם אָנקומען...

אונז איז דער פּלאַן גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן, מיר מיט יאָסעלען, הייסט עס, און אַזוי איז געבליבן מיר זאָלן טאָן.

אָבער ווען זאָלן מיר גיין אויף דער פּאַטשט, אַז דעם גאַנצן טאָג זיי־נען מיר אין חדר?

מאַכט יאָסעלע: פרייטאָג לערנט מען נאָר אַ האַלבן טאָג, לאָמיר גיין פרייטאָג.

בלייבט עס אַז מיר גייען פרייטאָג.

דעם אַנדערן פרייטאָג זיינען מיר אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינ־לעך און זיינען געקומען אין חדר אַריין ווען דער רבי איז נאָך אפילו ניט געווען צוריק פון דעם דאַווענען. מיר האָבן אויף גיך אָפּגעדאַוונט, אויף גיך מעביר געווען די סדרה, אָפּגעכאַפּט שיר השירים, און זיינען אַוועקגעלאָפן אַהיים, זיך מכין זיין צום שבת. די מאַמעס האָבן אונז אויסגעצוואָגן, אונז אָנגעטאָן די שבתדיקע בגדימלעך, מיר האָבן מיט שפּייעכץ און סאַזשע זיך אָפּגעפּוצט די לאַטעס אויף די שיכלעך, און זיינען אַוועקגעלאָפן אויף דער פּאַטשט.

מיר האָבן אָפּגערעדט וואו מיר זאָלן וואַרטן איינער אויפן אַנדערן, און ווען מיר זיינען אַלע דריי געווען אויפן אָרט זיינען מיר זיך אַזוי, שבת־דיק־אויסגעפּוצטע דריי אינגלעך, אַריין אין דער פּאַטשט.

אַריין אינעווייניק, האָבן מיר דאָרט געפונען דער פריצעס עקאַנאָם

שטיין און ריידן מיטן פּאַטשטמאַן. נאָך אינדרויסן האָבן מיר געוואוסט, אַז ער איז דאָ, ווייל מיר האָבן גוט געקענט זיין פערד וואָס איז, אַ געזאָ־טעלטער, געשטאַנען צוגעבונדן צום פּאַרקן פון פּאַטשט. דער עקאַנאָם איז געווען אַ גוטער צורר היהודים. זיין פּנים איז געווען שטענדיק שטאַרק רויט, זיין קאַרק אויך, אַזוי ווי שטענדיק וואָלט אין אים געברענט די רציחה.

נעבן אים איז געלעגן זיין הונט. וואַרטן מיר אַ ווײַלע ביי דער טיר, און דער עקאַנאָם רוקט זיך אָפּ אין אַ זייט, און דער פּאַטשטמאַן פרעגט אונז: „וואָס ווילט איר?"

און ביי אונז אינגלעך איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז אין פּאַטשט זאָל איך זיין דער רעדנער. וואָרים איך בין דאָך געקומען פון אַ דאָרף און איך האָב געקענט ריידן גויאיש.

טרעט איך אַרויס פון פאָרנט, גיי צו צו דער גראַטע, וואָס האָט אָפּ־געצאַמט דעם פּאַטשטמאַן, פאַרנויג זיך אַזוי ווי פאַר אַ שררה, און זאָג:

— גאָספּאָדין נאַטשאַלניק! מיר ווילן שיקן געלט.

— וואוהין ווילט איר שיקן געלט? — פרעגט דער פּאַטשטמאַן זייער געלאַסן, נאָר איידער איך האָב צייט געהאַט צו ענטפערן, גיט דער עקאַנאָם פון דער זייט אַ בורטשע:

— הם... אַלע זשידעס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט געלט... אַזעלכע שנעקעס און זיי פירן שוין אויך געלט־עסקים...

דער פּאַטשטמאַן גיט אַ מאַך צו אים מיט דער האַנט ער זאָל שווייגן, און ער פרעגט מיך ווידער: „וואוהין ווילט איר שיקן געלט?"

בדעה געהאַט האָב איך אים צו זאָגן, אַז מיר ווילן אים פרעגן, ער זאָל אונז זאָגן, אַזוי ווי ער ווייסט דאָך יאָ יעדע זאַך וואוהין עס ווערט געשיקט. נאָר אַזוי ווי דער בייזער גוי האָט מיך צעטומלט, האָב איך פאַרגעסן. אַ וואָך צייט האָב איך זיך געגרייט ווי אַזוי צו ריידן, און אין דער רגע האָב איך פאַרגעסן. כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס פשוט: מיר ווילן שיקן געלט קיין ארץ־ישראל.

— וואוהין? — פרעגט ער איבער מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע — קיין ארץ־ישראל? קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ אָרט.

מיין איך, אַז ער טרייבט קאַטאָוועס. ווערט מיר גרינגער אויפן האַרצן, נאָך יענעם בייזן בורלאַק, און איך זאָג צו אים מיט אַ שמייכל:

— איר האָט קיינמאָל ניט געהערט פון ארץ־ישראל? כי־כי־כי, ווי קען עס זיין? ווער ווייסט עס ניט פון ארץ־ישראל? די גאַנצע וועלט, אַלע אינגלעך...

פרעגט ער מיך ווייטער: „וואו געפינט זיך ארץ־ישראל?"

ווייס איך ניט וואָס צו זאָגן. וואָס הייסט — מאַך איך — ארץ־ישראל

געפינט זיך אין ארץ־ישראל! אָבער באַלד פאַלט מיר איין און איך שריי שוין כמעט אויס: ארץ־ישראל געפינט זיך אין חומש!

קנייטשט ער מיט די אַקסל און מאַכט: — אין חומש? וואָס איז אַזוינס חומש? אַ גובערניע אַזאַ? אין חומשסקאַי גובערניע? קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ גובערניע אויך... לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן...

און ער גייט און נעמט אַרויס עפּעס אַ גרויסן בוך און הייבט אָן מישן אַזעלכע גרויסע, באַפאַרבטע פאַרשטריכלטע בלעטער...

איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז ער געגאַנגען אַרויסנעמען אַ חומש, אָבער איך זע, אַז דאָס בוך, וואָס ער האַלט איז ניט קיין חומש. זאָג איך: דאָס איז ניט דאָס.

— אוודאי איז דאָס ניט דאָס! — רופט ער זיך אָפּ — עס איז ניטאָ קיין חומשסקאַי גובערניע, און ניטאָ קיין חומשסקאָוואָ אויעזדאַ... אפשר מיינסטו כ אַ מ ס ק? אין סיביר?

— וואָס מיר כאַמסק, ווער מיר כאַמסק — זאָג איך — אַז דו פאַר־שטייסט ניט וואָס איך מיין: חומש איז אַזאַ מין בוך... דאָס הייסט, עס איז פינף ביכער אינאיינעם...

גיט ער זיך אַ כאַפּ: — אַ, דו מיינסט די „פּיאַטיקניזשיע?" „פּיאַטי־קניזשיע מאָיסעיאַ"?

וואָס „פּיאַטיקניזשיע" איז, האָב איך, דעם אמת געזאָגט, ניט געוואוסט, נאָר „מאָיסעיאַ" האָב איך יאָ געוואוסט, ווייל מיין טאַטן, משה יצחק, האָבן גויים גערופן אַמאָל מאָווּשאַ און אַמאָל מאָיסעי, האָב איך פאַרשטאַנען „פּיאַי־טיקניזשיע" מיינט די פינף חומשים.

— יאָ, — זאָג איך — חומש מיינט די פינף ספרים פון מאָיסעי רבנו.

מאַכט ער: איז „רבנו" געווען מאָיסיעס פאַמיליע?

קלער איך: וואָס וועל איך זיך דאָ מיט דעם גוי אַריינלאָזן אין לומ־דות? זאָג איך צו אים: מסתמא איז דאָס געווען זיין פאַמיליע...

דאָ מאַכט ער צו מיר: אַ, איצט פאַרשטיי איך, איר ווילט שיקן געלט קיין פ אַ ל ע ס ט י נ ע?

ווער איך אַ צעטומלטער: וואָס עפּעס פלוצלינג אַ „פּאַלעסטינע"? איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון קיין „פּאַלעסטינע"! און איך טראַכט ביי זיך: זע נאָר אַ גויאישער קאָפּ: איך קום צו גיין און וויל שיקן געלט קיין ארץ־ישראל, הייסט ער מיר גאָר שיקן קיין פּאַלעסטינע; אַ מער זאָל ער נעמען דאָס געלט, וואָס אַנדערע שיקן קיין פּאַלעסטינע און עס שיקן קיין ארץ־ישראל!

דאָס האָב איך געטראַכט אין זיך, נאָר הויך אויפן קול האָב איך גע־זאָגט: גאָספּאָדין פּאָטשטאַר, מיר ווילן ניט שיקן קיין פּאַלעסטינע, נאָר קיין ארץ־ישראל. אין חומש ביי אונז איז ניטאָ קיין „פּאַלעסטינע."

דער צורר היהודים, דער עקאַנאָם, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט, וואָס איך האָב גערעדט מיטן פּאָטשטמאַן, און מ׳האָט געזען, אַז ס׳איז אים ניט געווען געפעלן. לסוף, אַז ער האָט געהערט וואוהין מיר ווילן שיקן דאָס געלט, קירעוועט ער זיך אויס צו מיר און מאַכט אַזוי:

— זאָג מיר נאַר, זשידאָטשעק, ווי אַזוי נעמסטו דעם קיסרס געלט און שיקסט עס אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד צו אַן אַנדער קיסר?

אויף אַזאַ פראַגע האָב איך שוין גאָרניט געוואוסט וואָס מען ענטפערט. האָב איך זיך אויסגעדרייט צו שלמהקען און געפרעגט:

— דו הערסט וואָס ער זאָגט?

— פּאַרטייטש עס מיר — מאַכט שלמהקע, וואָרים ער האָט גאָרניט געקענט ריידן קיין גויאיש.

האָב איך אים אָפּגעטייטשט. שלמהקע האָט גאָר קיין סך ניט געטראַכט און זאָגט צו מיר:

— פרעג אים ווער איז גרעסער, דער קיסר צי גאָט?

פרעג איך.

ענטפערט דער גוי: אוודאי איז גאָט גרעסער. נאָר נאָך גאָט קומט דער קיסר.

פּאַרטייטש איך עס שלמהקען. מאַכט שלמהקע:

— זאָג אים, אַז גאָט האָט געזאָגט: לי הכסף ולי הזהב, צו מיר איז דאָס זילבער און צו מיר איז דאָס גאָלד פון דער גאַנצער וועלט.

זאָג איך דעם צורר היהודים וואָס שלמהקע זאָגט, אַז דאָס גאָלד און זילבער פון דער גאַנצער וועלט איז ניט דעם קיסרס, נאָר גאָטס.

ווי איך האָב עס נאָר אַרויסגערעדט, אַזוי האָט ווי אַ ניכפּע אַ כאַפּ געטאָן דעם שונא ישראל און ער האָט גענומען שרייען: „אַה, איר בונטאָוושטשיקעס, איר בונטעוועט זיך געגן דעם קיסר!״ און ער האָט געגעבן אַ קנאַק מיט זיין בייטשל, פון דעם קנאַק האָט זיך אויפגעכאַפּט זיין הונט און גענומען בילן, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה.

דאָ האָט דער פּאָטשטמאַן זיך אַריינגעמישט, האָט אָנגענומען דעם צורר היהודים ביי דער האַנט און געזאָגט:

— דאָ איז אַ קייזערלעכער אָרט, דאָ מוז זיין רואיק . . .

דער צורר היהודים איז שטיל געוואָרן. דאַן מאַכט צו מיר דער פּאָטשטמאַן:

— וויפיל געלט ווילט איר עס אייגנטלעך שיקן?

— דערווייל — ענטפער איך — אויף אַ התחלה, ווילן מיר שיקן צען קאָפּיקעס.

גיט דער פּאָטשטמאַן אַ שאָס אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ! דאָס גאָר?! נאַרישע קעלבלעך וואָס איר

זייט! פאַר שיקן די צען קאָפּיקעס וועט איר דאָך דאַרפֿן באַצאָלן צוואַנציק קאָפּיקעס פּאָטשט געלט...

ווען איך האָב דאָס דערהערט בין איך געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז מיר איז געווען אַ מינוט צום חלשן. עס איז מיר ווידער געווען פּונקט ווי דעמאָלט ווען איך בין געפלויגן פון דער פּאַפּירענער בריק אין טייך מילך אַריין, אַזוי האָט זיך מיר געדרייט דער קאָפּ. נאָר וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? מין האָבן שוין געזען, אַז מיר מוזן גיין אַהיים מיט גאָרניט. ווען מיר האָבן גענומען אַרויסגיין, האָב איך אפילו די טיר ניט געזען.

אַ שטיק וועג זיינען מיר אַלע געגאַנגען און געשוויגן. יאָסעלע האָט דער ערשטער גענומען ריידן.

— זע נאָר — מאַכט ער — ווי אונז איז גאָרניט געקומען אויף דער מחשבה, אַז פאַרן שיקן דאַרף מען גאָר אויך באַצאָלן! לאָ די וואָס מיר גיבן געלט, דאַרפֿן מיר נאָך צוצאָלן... גיי ווייס...

— און איך קען שוין דאָ גאָרניט פאַרשטיין — האָב איך געזאָגט — לאָמיר אָקאָרשט מאַכן אַ חשבון: פאַר שיקן צען קאָפּיקעס דאַרף מען צאָלן צוואַנציק קאָפּיקעס פּאָטשט־געלט, הייסט דאָך עס, אַז ווען מיר וועלן שיקן הונדערט קערבלעך, וועלן מיר דאַרפֿן צאָלן צוויי הונדערט קערבלעך פּאָטשט! פון וואַנען וועט זיך עס נעמען? אוי ווי, הפּנים מען וועט דאַרפֿן גוט פאַרשוואָרצט ווערן ביז מען וועט אויסקויפן ארץ־ישראל. וואָס זאָגסטו צו די צרות, שלמהקע?

— וואָס זאָל איך זאָגן — ענטפערט ער פאַרטראַכט — עס איז חבלי משיח...

עס איז אונז אַלעמען געווען זייער ביטער אויפן האַרצן. בלויז איין שטיקל נחמה האָבן מיר געהאַט, וואָס שלמהקע האָט אַריינגעזאָגט דעם צורר היהודים ווי עס געהער צו זיין.

דערשלאָגענע זיינען מיר זיך צעגאַנגען אַהיים, ווייל עס איז שוין גע־ווען נאָענט צו ליכט בענטשן...

אויף מאָרגן, שבת, זיינען מיר ווידער געגאַנגען שפּאַצירן הינטערן שטעטל און האָבן אַרומגערעדט, וואָס מיט אונז האָט געטראָפן נעכטן אויף דער פּאָטשט. און כאָטש שבת טאָר מען ניט זיין אומעטיק, פונ־דעסטוועגן איז אונז געווען גאָרניט פריילעך אויפן האַרצן: וואָס וועט פאָרט זיין דער תכלית! ווען וועט שוין ארץ ישראל האָבן אַ שטיקל נחת פון אונז?

צוויי נייע פּלענער זיינען ביי אונז געבוירן געוואָרן. איינער איז געווען: פינף קאָפּיקעס אַוועקשיקן און די אַנדערע פינף זאָלן גיין אויף פּאָטשט־געלט. דער אַנדערער פּלאַן איז געווען: אפשר אַריינגעמען נאָך אינגלעך אין אונזער חברה „בני ציון וירושלים״?

מיר האָבן אַ סך געשמועסט, באַטראַכט די נייע פּלענער אַהין, באַ־טראַכט זיי אַהער, און האָבן ניט באַשלאָסן אויף יאָ און האָבן ניט באַ־שלאָסן אויף ניט.

— מ׳וועט נאָך זען! — האָט לסוף געזאָגט שלמהקע. דאָס אייגענע האָט געזאָגט יאָסעלע, און דערביי איז עס געבליבן.

נאָר אוי וויי, מיר האָבן דעמאָלט גאָר קיין השגה ניט געהאַט, אַז די השגחה האָט שוין באַשלאָסן גאָר עפּעס אַנדערש פון אונזערטוועגן!

דאָס רעדעלע האָט גאָר פּלוצלינג זיך גענומען דרייען גיך, גיך, גיך, און ווען עס איז לסוף שטיין געבליבן, איז געוועזן אויס חברה „בני ציון וירושלים״!

און נאָך אַ ביסעלע און עס איז געוואָרן אויס צען קאָפּיקעס אויך! כמעט אויס...

עס איז שוין דעמאָלט געווען אלול צייט, פּאַרכטיקע טעג פאַר אַלע אידן, נאָר פאַר שלמהקען, יאָסעלען און מיר זיינען יענע טעג געווען פּאַרכטיקער ווי פאַר אַלע אידן אין שטעטל.

אינמיטן אלול איז יאָסעלעס מאַמע, ראָניע, שטאַרק קראַנק גע־וואָרן, און ערב ראש השנה איז שוין, ניט דאָ געדאַכט, געווען די לוויה. און יאָסעלע איז געוואָרן אַ יתום.

דער בלינדער יונה האָט זיך נעבעך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט די קינדער, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען יאָסעלען און אים אַוועק־פירן אין אַן אַנדער שטעטל צו זיינער אַ שוועסטער, יאָסעלעס אַ מומע, ער זאָל זיך דאָרטן האָדעווען.

און שלמהקע — אים האָבן טאַטע־מאַמע באַשלאָסן אַוועקצושיקן לערנען אין אַ ישיבה. דאָס איז געווען די עצה פון שלמהקעס רבין אַליין.

מיט אַזאַ קעפּל איז נאָר אין אַ ישיבה, האָט שלמהקעס מלמד גע־טענהט.

און טאַקע גלייך אויף מאָרגן נאָך שמחת־תורה זיינען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן, מיין טייערער שלמהקע און מיין ליבהאַרציקער יאָסעלע, ביידע אין איין טאָג!

און איך, דער קלענסטער פון דער חברה „בני ציון וירושלים״, בין געבליבן איינער אַליין. און די צען קאָפּיקעס זיינען געבליבן ביי מיר.

איך געדענק דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר זיינען אַלע דריי געגאַנגען הינטערן שטעטל. דאָס איז געווען חול המועד סוכות. מיר זיינען גע־גאַנגען אַנרייסן הושענות, און טאַקע שפּאַצירן אויך. שלמהקע איז קענ־טיק געווען צופרידן, וואָס ער פאָרט אין דער ישיבה. ער האָט גערעדט אַ סך פון לערנען. און יאָסעלען האָבן מיר ביידע שטאַרק געטרייסט, אַז גאָט וועט אים ממלא זיין. און מיר האָבן אויך אַ סך גערעדט פון

ארץ־ישראל. און לסוף, ווען מיר האָבן שוין געדאַרפט גיין צוריק אין שטעטל, האָט שלמהקע געגעבן אַ זאָג: לאָמיר שווערן!

און ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט און זי אויסגעצויגן אַזוי הויך ווי ער האָט נאָר געקענט, און ער האָט אונז אויך געהייסן אויפ־הייבן אונזער רעכטע האַנט אַזוי הויך, און מיט די הענט אין דער הויך האָבן מיר זיך צוגעטוליעט שטייף, שטייף איינער צום אַנדערן, און די הענט זיינען געוואָרן אַזוי ווי איין בינטל, און שלמהקע האָט גענומען אַ ציצה פון זיין טלית קטן און האָט אַרומגעוויקלט דערמיט דאָס בינטל פון די דריי הענטלאַך, און מיט די לינקע הענט האָבן מיר שטאַרק, שטאַרק אַרומגענומען איינער דעם אַנדערן ביי די אַקסל, און מיר זיינען געווען דריי אינגעלעך אין אַ בינטל, און אַזוי שטייענדיק ווי איינגעזוואַקסענע איינס אין אַנדערן, האָט שלמהקע געזאָגט, און יאָסעלע און איך האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט; הויך אויפן קול, הימל און ערד זאָלן הערן:

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני — אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן.

דריי מאָל האָבן מיר איבערגעזאָגט די הייליקע שבועה. און באַלד דערויף זיינען מיר אַוועק אַהיים, און דעם גאַנצן וועג צום שטעטל האָבן מיר ניט געקוקט איינער אויפן אַנדערן, וואָרים אַז מיר האָבן אַ קוק גע־טאָן איינער אויפן אַנדערן האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

דערנאָך זיינען זיי אַוועקגעפאָרן און איך בין געבליבן אייניקער אַליין. און קיין נייע חברים האָב איך ניט אויפגעזוכט, וואָרים מיין בענקשאַפט נאָך שלמהקען און יאָסעלען איז געווען זייער גרויס.

און גרויס איז אויך געווען מיין ציטעריניש איבער די צען קאָפּיקעס. נאָך גרעסער ווי דעמאָלט, ווען שלמהקע און יאָסעלע זיינען געווען אין שטעטל. איך האָב זיי געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

נאָר אַז עס איז ניט באַשערט, צי קען מען דען איינהיטן?

ח.

אַ זאַווערוכע

איר זאָלט האָבן אַ כלל, אַז מענטשן, וואָס זיינען אָרים זומער, זיינען ווינטער נאָך אָרימער. און דאָס האָב איך אין יענער צייט געזען ביי מיין טאַטן אין הויז. עס זיינען געלאָפן די וואָכן און דער ווינטער איז גע־וואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אין אונזער הויז אַלץ קעלטער, אונזערע בגדים אַלץ לעכערדיקער. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ ווערט האָט מען שוין לאַנג פאַרזעצט, און עס האָט ווייניק געהאָלפן. ניט איין מאָל,

ביי אַ נייער לאָך אין די הויזקעס אָדער שיכלעך, פלעג איך צושטיין צו דער מאַמען זי זאָל מיר זאָגן: ווען עס ווערט אַ לאָך, וואו קומט אַהין דאָס גאַנצע וואָס איז פריער געווען אויף יענעם אָרט? און זי פלעגט מיר ענטפערן: פרעג מיך אַ קליגערע זאַך...

ווען מ׳פלעגט אַרויסטראָגן פון הויז עפּעס אַ חפץ צום פאַרזעצן פלעגט מיין מאַמע אָפט דערציילן אַ מעשה מיטן דלות. דער דלות — איז געגאַנגען די מעשה — האָט זיך באַזעצט ביי אַ אידן און געפייפט אין אַלע ווינקעלאַך. זאָגט איינמאָל דער איד צום דלות: דלות, דלות! וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט דווקא אויף מיר? גיי בעסער אַריבער צום גביר וועט דיר דאָרט אַ סך בעסער זיין.

מאַכט דער דלות צום אידן: ביסט גערעכט, אָבער ווי קען איך גיין צום גביר אַז איך בין נאַקעט און באָרוועס און קען זיך אין גאַס ניט ווייזן? מאַך מיר אַ בגד וועל איך גיין צום גביר.

נעמט דער איד און פאַרזעצט די לעצטע בעבעכעס און נייט־אויף דעם דלות אַ בגד. אָבער דערווייל, מיט די נייע פאַרזעצטע בעבעכעס, איז דער דלות גרעסער געוואָרן, האָט דער בגד ניט געפּאַסט, און דער דלות איז געבליבן ביים אידן.

און אַזוי איז געוואָרן ביי אונז אויך. דער דלות איז רק געוואַקסן און געוואַקסען.

נאָר צווישן אידן ווערט מען ניט פאַרלוירן. דערהאַלטן ביים לעבן האָבן מיר זיך מיט דעם ביסל, וואָס מען פלעגט אונז אַריינטראָגן פון שטאָט. מאָדנע וואונדערלעך איז עס געווען: יעדן אינדערפרי פלעגן מיר אינדרויסן ביי דער טיר געפינען ליגן ברויט, קאַרטאָפל, אַ הערינג. אויף שבת פלעגט ליגן חלה, אַ שטיקל פלייש, אַ ביסל פיש און ליכט. מיר האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט ווער עס ברענגט עס. נאָר געווען איז עס אוודאי אַ איד, וואָס פלעגט זיך מיען פון אונזערטוועגן. ער פלעגט אַרויסגיין איבער דער שטאָט, צונויפנעמען וואָס ער האָט געקענט, פאַרטאָג קומען און עס אונטערלייגן שטילערהייט ביי אונז הינטער דער טיר, און מען האָט ניט געהערט און ניט געזען. די וואָס האָבן געגעבן האָבן אוודאי אויך ניט געוואוסט פאַר וועמען זיי גיבן. עס איז געווען מתן בסתר.

נאָר אָט איז געקומען אַ פרייטאָג, ווינטער איז עס געווען, און אינדער־פרי איז ביי אונזער טיר גאָרניט געלעגן. און קיין חידוש איז עס ניט געווען: צוויי טעג נאָכאַנאַנד, מיטוואָך און דאָנערשטאָג, האָט געוואָיעט אַ שניי, וואָס האָט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל פאַרשאָטן. עס איז ניט געווען מעג־לעך אַרויסצושטעקן די נאָז אין גאַס אַריין. ווי אַזוי האָט אימיצער גע־קענט אין אַזאַ זאַווערוכע אַרויסגיין צונויפמאַכן פון שטאָט? ס׳איז געווען סכנת נפשות. און מיר זיינען געבליבן אָן גאָרניט אויף שבת.

איז די מאַמע אַוועקגעלאָפֿן, אין דעם גרויסן שניי, און האָט ביי אַ שכנה געקראָגן צו לייען אַ האַלבן קערבל, און פֿאַר דעם האַלבן קערבל האָט זי איינגעקויפֿט אַ פּאָר לעבלעך ברויט און עטלעכע הערינג און ציבעלעס, און איז געקומען צוריק און גענומען גרייטן דעם שבת.

„וועט זיין אַ שבת אָן חלה — האָט זי געזאָגט — און אָן פֿיש! נישקשה, שוואַרץ ברויט און הערינג זיינען אויך גאָטס גאָב. אַבי מען זאָל ניט זיין הונגעריק שבת.“

און זי האָט זיך גלייך געשטעלט מאַכן די הערינג, אַז עס האָט פֿאַרשמעקט די שטוב! פֿאַרטיק מיט די הערינג האָט זי אויסגעשפּרייט אַ ווייסן טישטוך אויפֿן טיש, אַוועקגעלייגט צוויי לעבלעך ברויט און זיי צוגעדעקט, און אַלץ האָט זי געטאָן מיט אַ שמייכל און אַ וויץ, כדי צו פֿאַרטרייבן דעם טרויער. און דערנאָך האָט זי געהייסן בליומקען אַרויס־נעמען די לייכטער און זיי שטעלן אויפֿן טיש.

און ערשט ווען זי האָט דערמאָנט די לייכטער, האָט זיך די מאַמע געכאַפּט, אַז זי האָט ניט געקויפֿט קיין ליכט...

און פֿון דעם האַלבן קערבל איז ניט געבליבן קיין פּרוטה, און לויפֿן ווידער לייען איז ניטאָ ביי וועמען. און דער טאָג איז קורץ, און מען פֿאַר־מאַכט שוין באַלד די קראָמען. „וואָס טוט מען?“ — האָט די מאַמע זיך גענומען ברעכן די הענט און אַרומלויפֿן פֿון איין שטוב אין דער אַנדערער — „מען קען מאַכן שבת אָן חלה, אָן פֿלייש, אָן פֿיש, אָבער שבת אָן ליכט בענטשן?“

און אַז זי האָט דערזען ווי די לייכטער שטייען שוין אויפֿן טיש און קיין האָפֿענונג אויף קיין ליכט איז ניטאָ, איז זי צוגעפֿאַלן מיטן פּנים צום טיש, האָט אַרומגענומען די לייכטער מיט ביידע הענט, אַזוי ווי מען נעמט אַרום קינדער, און האָט זיך ביטער פֿאַנאַנדערגעוויינט. און אַזוי איז זי געבליבן ליגן און כליפּען. דער טאַטע איז ניט געווען אין הויז. די קינדער זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

און איך בין געשטאַנען די גאַנצע צייט און האָב אַלץ צוגעזען און עס איז מיר געווען פֿינצטער און ביטער. איך האָב געוואוסט, אַז ביי מיר אין ארבע־כּנפֿות ליגן צען קאָפּיקעס, און איך דאַרף נאָר אַריינשטעקן דעם פֿינגער און אַרויסנעמען, און עס איז אַ סוף צו דער מאַמעס טרערן, און עס וועט זיין ליכט אויף שבת. אָבער צי מעג איך עס טאָן?

אַ שרעקלעכע מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין מיין הערצל. איך האָב מיט זיך אַליין געטענהט אַזוי און אַזוי. „עס איז דאָך ניט מיין געלט“, האָב איך געטענהט צו זיך, „עס איז דאָך ארץ־ישׂראלס!“ אָבער צי גע־דענקסטו ניט ווי שלמהקע האָט געזאָגט, אַז שבת איז נאָך אפֿשר ביל־

כער ווי ארץ־ישראל?" „אָבער שלמהקע האָט דאָך אויך געזאָגט, אַז מען טאָר ניט בייטן פון איין צדקה אויף אַן אַנדערער" . . .

נאָר דער מאַמעס טרערן האָבן אַלץ אַריבערגעוואויגן. ווען די קינדער האָבן געזען ווי די מאַמע ליגט ביי די לייכטער און וויינט, האָבן זיי זיך אַלע שטילערהייט אַרויסגערוקט פון חדר און זיינען זיך צעקראָכן אין אַלע ווינקלען. און ווען איך בין געבליבן אַליין האָב איך שנעל אַרויס־גענומען די גריוונקע פון טלית־קטן, האָב עס שטילערהייט אַוועקגע־לייגט נעבן די לייכטער און בין אויך אַרויס פון שטוב.

אַ ווײַלע שפּעטער, ווען די מאַמע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי גיט אַ קוק — עס ליגן צען קאָפּיקעס!

— קינדער! קינדער! — האָט זי גענומען שרייען ווי ניט מיט איר קול, — קומט נאָר אַריין אַהער!

און ווען די קינדער זיינען זיך צונויפגעלאָפן, און איך אויך צווישן זיי, איז די מאַמע געשטאַנען מיט אַ פאַרוואונדערטן אָבער אַ ליכטיקן פּנים און האָט געהאַלטן די צען קאָפּיקעס מיט צוויי פינגער אין דער הויך און געפרעגט:

— קינדער, האָט איר געזען נאָר־וואָס אימיצן אַריינקומען אין הויז אַריין, אָדער אַרויסגיין פון הויז?

— ניין, — האָבן אַלע געענטפערט, — מען האָט קיינעם ניט געזען.

פון וואַנען זשע האָבן זיך פלוצלונג גענומען די צען קאָפּיקעס אויפן טיש?

קיינער האָט ניט געקענט זאָגן קיין באַשייד.

שפּרינגט אַרויס אברהמל, מיין ברודער וואָס איז דער דריטער פאַר מיר, און רופט אויס:

— איך ווייס! דאָס איז אליהו הנביא דאָ געווען און געבראַכט אויף ליכט אויף שבת!

און אַלע קינדער האָבן זיך צעפליעסקעט:

— אוי, אליהו הנביא, אליהו הנביא איז דאָ געווען!

די מאַמע איז געווען דערפרייט און צעטומלט. נאָר עס איז געווען שפּעט און עס איז ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן. „מאָטל", האָט די מאַמע אַ רוף געטאָן מיין צווייטן ברודער „לויף גיך און קויף ליכט אויף שבת" . . .

מאָטל האָט געכאַפּט זיין טולעפּל, זיך גוט איינגעוויקלט מיט זיין שאַליקל און איז אויף גיך אַרויס פון הויז.

ווען ער האָט געעפנט די טיר אַרויסצוגיין, האָבן זיך מיר די פיס אַזוי ווי איינגעזעצט:

— אוי, אַ סוף צו די צען קאָפּיקעס! אוי, שלמהקע! אוי, יאָסעלע! ווען איר ווייסט וואָס איך האָב אָפּגעטאָן!..

ווען מאָטל איז אַרויס פון הויז איז די מאַמע אים נאָכגעלאָפן צו דער טיר און אים נאָכגעשריען ער זאָל למען השם קויפן ליכט פאַר די גאַנצע צען קאָפּיקעס.

די מאַמע פלעגט בענטשן אַכט ליכט, און דאָס האָט מען געקענט קויפן פאַר פינף קאָפּיקעס, און פינף זאָל בלייבן אויף עפּעס אַנדערש. נאָר די מאַמע האָט נאָכגעשריען מאָטלען: די צען קאָפּיקעס זיינען אונז צוגעשיקט געוואָרן אויף ליכט, איז ניט רעכט מען זאָל דערפון אויסגעבן אויף קיין אַנדער זאַך, נאָר אויף ליכט אויף שבת!

— ניט רעכט, ניט רעכט! — האָט מיין האַרץ געשריען צו מיר — די מאַמע זאָגט אויך, אַז מען טאָר ניט איבערבייטן פון איין צדקה אויף אַן אַנדערער. און זע וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן מיט ארץ־ישראל געלט, וואָס געהער צום גאַנצן פאָלק ישראל!..

דאָ בין איך שוין געווען זיכער, אַז איך האָב ניט ריכטיק געטאָן, נאָר איך האָב זיך געטרייסט: אפשר איז פאָרט שבת מכפר. אוי, ווי מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס די ספרים זאָגן וועגן דעם! און ליתר בטחון האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז נעמען אויף זיך אַ תיקון, טאָמער האָב איך פאָרט געזינדיקט. און טאַקע דאָ אויפן אָרט האָב איך אַ נדר געטאָן, אַז פאַר יעדער קאָפּיקע פון די צען זאָל איך אָפּצאָלן מיט צען קאָפּיקעס.

אַזוי האָב איך אַ נדר געטאָן אויף גיך. און שפּעטער ווען איך האָב גענומען באַרעכענען, ערשט אַ קלאָג, אַ בראָך: איך האָב אויסגערעכנט, אַז דאָס באַטרעפט אַ גאַנץ קערבל!

— וואו וועל איך נעמען אַ גאַנץ קערבל צו באַצאָלן דעם נדר? איז אַ פחד אויף מיר אָנגעפאַלן.

יענעם פרייטאָג צונאַכטס, צוליב דעם גרויסן פראָסט, איז דער טאַטע ניט געגאַנגען אין שול אַריין. ער האָט מקבל שבת געווען אינדערהיים. און קידוש האָט ער געמאַכט אויף צוויי שוואַרצע לעבלעך ברויט, און דאָס קול האָט אים געשטיקט און טרערן זיינען אים געלאָפן פון די אויגן, ווען ער האָט געמאַכט דעם קידוש אויף שוואַרצן ברויט.

וועגן די צען קאָפּיקעס מיט די ליכט האָט ער נאָך ניט געוואוסט, ווייל ער איז בשעת מעשה ניט געווען אין הויז און די מאַמע האָט אים נאָך ניט דערציילט. און זמירות האָט דער טאַטע געזונגען אויך מיט אַן אומעטיקן קול. און די מאַמע מיט די קינדער האָבן דעם גאַנצן אָוונט ניט אָפּגעקערט די אויגן פון די ליכט. זיי האָבן געקוקט אויף די ליכט אַזוי ווי פסח צום סדר, ווען מען עפנט די טיר, קוקט מען אויף אליהו הנביאס כוס...

זיי האָבן געמיינט אפשר וועט אליהו הנביאס פּנים זיך באַווייזן איבער די ליכט . . .

בלויז איך איינער האָב געוואוסט דעם ביטערן אמת.

ט.

אַ פּורימדיקער פּאַרדינער

דער ווינטער איז געלאָפן און וואָס נעענטער עס האָט זיך אונטער־גערוקט דער פּסח אַלץ אומרואיקער בין איך געוואָרן. אין שטעטל זיינען אָנגעקומען גרוסן וועגן שלמהקען, אַז ער האָט גאָר אַ גרויסע פּעולה אין לערנען אין דער ישיבה און אַז אויף פּסח קומט ער אַהיים צו טאַטע־מאַ־מע. וועגן יאָסעלען האָט מען אויך געשמועסט, אַז אפשר וועט ער קומען אויף פּסח אַהיים. געוואַלד געשריען, האָב איך געטראַכט, וואָס וועט זיין ווען זיי וועלן קומען? ווי אַזוי וועל איך זיי קוקן אין די אויגן אָן די צען קאָפּיקעס? און כאָטש מיר איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות זיי צו זען און ווידער גיין מיט זיי שפּאַצירן הינטערן שטעטל, פונדעסטוועגן האָב איך אין האַרצן גאָט געבעטן ער זאָל מיך ניט לאָזן פאַרשעמט ווערן, און זאָל מאַכן זיי זאָלן בעסער קומען אויף שבועות איידער אויף פּסח.

נאָר אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

אויסגעדרייט האָט זיך גראָדע אַזוי, אַז איך האָב דווקא געקראָגן די צען קאָפּיקעס, און האָב מיט האָפערדיקייט געגומען וואַרטן זיי זאָלן קומען אויף פּסח. און איך האָב מתפּלל געווען, אַז אויב די גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן זיי זאָלן ניט קומען, זאָל די גזירה בטל ווערן.

פונוואַנען האָבן זיך צו מיר פלוצלונג גענומען גאַנצע צען קאָפּי־קעס, ווילט איר וויסן? הערט אַ מעשה:

ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ קרעמער, און ער איז געווען דער גרעסטער קרעמער. אַלע פּריצים האָבן געקויפט ביי אים. ישראל באַרזאָך איז געווען זיין נאָמען. ווען עס פלעגט קומען פּורים, האָט ער געהאַט אַ סך קונים וואָס ער פלעגט זיי שיקן שלח־מנות, נאָר ער האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל פאַנאַנדערטראָגן דעם שלח־מנות פונזיינעט־וועגן. ער האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע טעכטער און ער האָט זיי ניט געקענט שיקן. עס האָט ניט געפּאַסט, כלה־מיידלעך, דעם גבירס טעכ־טער, זאָלן אַרומגיין טראָגן שלח־מנות, האָט ער געדונגען צוויי אינגלעך זיי זאָלן טראָגן זיינע שלח־מנות. איך בין געווען איינער פון זיי.

אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעלאָפן מיטן טעצעלע איינגעוויקלט אין אַ ווייסן טישטעכל, וואָס האָט צוגעדעקט די שיינע און זיסע זאַכן

פון דעם שלח־מנות. פיל האָבן געמיינט, אַז דאָס איז מיין טאַטע פּלוצ־לינג אויפגעריכט געוואָרן און דאָס איז שלח־מנות פון משה יצחק און פייגע די קאַלקער, פון קאַלק, הייסט עס. אָבער עס איז געווען פרעמ־דע שלח־מנות. פונדעסטוועגן, אַז איך פלעג אַריינקומען אין אַ הויז און זען וואָס פאַר אַ פריידן דאָרט ווערט, איז מיר אויך געווען פריילעך, כאָטש דרויסן איז מיר געווען קאַלט פון דעם כמורנעם טאָג.

געענדיקט טראָגן דעם שלח־מנות, האָט מיר ר' ישראל גאַנץ שיין באַצאָלט: איך האָב געקראָגן אַ גאַנצע פּערטעלע, פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס, הייסט עס.

פינף און צוואַנציק, פינף און צוואַנציק, האָב איך אָן אויפהער געחזרט. עס איז צען קאָפּיקעס און פופצן קאָפּיקעס, האָב איך ניט אויפגעהערט צו ציילן, און די צען קאָאָפּיקעס זיינען מיר ליבער געווען ווי די פופצן.

צו מיין גליק איז ניט געווען קיין ברעג: שלמהקע און יאָסעלע מעגן שוין קומען אויף פסח!..

ווען איך בין געקומען אַהיים בין איך ניט צוגעגאַנגען גלייך צו דער מאַמע, נאָר איך בין אַריין אין קיך, האָב גענומען אַ שאָלעכל, אַריינגע־לייגט פופצן קאָפּיקעס, איבערגעדעקט עס מיט אַ ווייס טישטעכל, און בין אַריין אין דער גרויסער שטוב וואו עס איז געזעסן דער טאַטע מיט דער מאַמע, און איך האָב געזאָגט:

— אָט האָב איך אייך געבראַכט שלח־מנות...

צען קאָפּיקעס האָב איך אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע.

די מאַמע האָט מיך שטאַרק געקושט, האָט גענומען דאָס שאָלעכל און האָט עס אָפּגעדעקט, און האָט דערזען עטלעכע מטבעות. און האָט זיך שטיל צעוויינט...

עס איז קיין וואָרט ניט אויסגערעדט געוואָרן. טאַטע־מאַמע האָבן ניט געוואוסט, וויפיל איך האָב גענומען און איך האָב גאָרניט געדאַרפט זאָגן וועגן די אַנדערע צען קאָפּיקעס.

די צען קאָפּיקעס האָב איך ווידער אויסגעביטן אויף אַ גריוועניקע און עס אַריינגעלייגט צוריק אויפן אַלטן אָרט, אין דער כנפע פון דעם טלית־קטן, און האָבן מיט בטחון און מיט אַ שטילן געזאַנג אין האַרצן זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפן ליבן פסח.

אין שטעטל האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן טומלען מיט מאַכן דעם פסח און עס איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך, און אַ פריילעכער האָב איך געוואַרט אויף שלמהקעס מיט יאָסעלעס קומען.

וואָס האָט מיר דען געפעלט? די צען קאָפּיקעס זיינען געלעגן גרייט, אין אַ גלאַנציקער, זילבערנער גריווינקע, — און איך האָב זיך אַלץ געמאָלט אין דער פאַנטאַזיע ווי אַזוי שלמהקע, יאָסעלע און איך גייען אַרויס אויף אַ

שפּאַציר אויף דער הילצערנער בריק, הינטער דער שטאָט, דעם ערשטן צי דעם אַנדערן טאָג חול המועד, בעסער דעם ערשטן, וואָרים ווער קען עס אַזוי לאַנג וואַרטן? ס'איז אַ ליכטיקער, שמעקנדיקער פרילינג־טאָג, די זון וואַרימט, און מיר פאַרנעמען זיך אין אַ שטילן ווינקל, קיינער זאָל ניט זען, און דאָרט נעם איך אַרויס די קליינינקע זילבערנע מטבע, און גיב דערמיט אַ גלאַנץ אין דער זון פאַר די אויגן פון מיינע חברים: נאַט, זעט! אָט איז דער אוצר! ערלעך געהאַלטן דעם פקדון!..

איך האָב נאָר געהאָפט, אַז קיין שום סיבה זאָל דערמיט ווידער, חלילה, ניט טרעפן. ווער ווייס, מ'דאַרף אַזוי פיל אויף יום־טוב... אין דער לעצ־טער רגע קען אויסּפעלן אויף ליכט...

נאָר אָט איז דער ליבער, זיסער פסח שוין דאָ, ס'איז שוין בדיקת־חמץ, ס'איז שוין ביעור חמץ, און ווי, ניט שלמה'קע און ניט יאָסעלע זיינען געקומען אויף יום־טוב אהיים!..

איך בין געלאָפן אַהין און געלאָפן אַהער אויסצופאָרשן די זאַך: ס'טייטש? פאַרוואָס? וועגן יאָסעלען האָט זיין טאַטע געזאָגט, אַז ער האָט גאָר לכתחילה ניט בדעה געהאַט צו ברענגען אים אויף פסח; און שלמה'קע, ער האָט זיך דווקא יאָ געקליבן צו קומען, נאָר אַ רגע פאַרן פאָרן איז ער פלוצלונג פאַרשלאָפט געוואָרן, גאָר אומגעריכט געקראָגן שטאַרקע וואַרימ־קייט און מען האָט אים ניט געקענט לאָזן אין וועג אַריין.

ווער האָט דעמאָלט גאָר געקענט באַנעמען מיין צער? ווען איך האָב ערב פסח דערהערט אַז שלמה'קע איז, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, קראַנק געוואָרן, האָט מיר ווידער אַזוי פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי דעמאָלט, ווען כ'בין געפלויגן אַרונטער פון דער פאַפּירענעם בריק אין מילכיקן טייך אַריין. איך האָב געטראַכט, אַז נאָר צוליב מיר איז עס געשען, נאָר צוליב מיר איז שלמהקע קראַנק געוואָרן, און ווייטער צוליב קיינעם ניט! וואָרים דעמאָלט ווען איך האָב ניט פאַרמאָגט די צען קאָפּיקעס האָב איך מיט גרויס כוונה מתפלל געווען, אַז שלמהקע און יאָסעלע זאָלן ניט קומען, און גאָט האָט מסתמא דערהערט מיין געבעט, נאָר שפּעטער ווען איך האָב שוין געוואָלט זיי זאָלן יאָ קומען, האָב איך הפנים ניט מתפלל געווען ווי עס געהער צו זיין...

אַזוי האָב איך געטראַכט און האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען פאַר האַרצווייטאָג.

צום סדר האָב איך געדאַרפט פרעגן די פיר קשיות. די ערשטע נאַכט האָב איך געפרעגט, די אַנדערע נאַכט האָט מאָטל געפרעגט. איך פרעג די ערשטע קשיה, די צווייטע, און טרערן נעמען מיר שטיקן אין האַלז: האָט איר שוין אַמאָל געהערט, אַז ביי פרעגן די קשיות זאָל מען וויינען? איך וויל גובר זיין די טרערן, אָבער עס העלפט ניט. קוים מיט צרות דער־גאַנגען צו דער פערטער קשיה, און אַז איך בין געקומען צום סוף האָב איך

זיך אַזוי פאַנאַנדערגעכליפּעט, אַז מ׳האָט מיך ניט געקענט איינשטילן, און דער טאַטע און אַלע בני בית זיינען געזעסן מיט די אָפענע הגדות און ניט געקענט אָנהויבן זאָגן.

דער טאַטע איז צוגעשטאַנען צו מיר, און די מאַמע: חיים׳קע, קינד מיינס, וואָס וויינסטו? וואָס דריקט דיר אויפן הערצל?

„איך בין שולדיק, נאָר איך, וואָס שלמה׳קע ליגט אַצינד קראַנק!״ — האָב איך גערעדט צו זיך אַליין, און די טרערן זיינען געלאָפן ווי פון אַ צאַפּן.

„וואָס מיינסטו, דו ביסט שולדיק? מיט וואָס ביסטו שולדיק? דער־צייל אונדז״ — האָט מען זיך געבעטן ביי מיר, אָבער, צי האָב איך דען זיי געקענט דערציילן?

דעם גאַנצן אמת פאַרוואָס עס האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק געוויינט, האָב איך דעמאָלט נאָך אַליין ניט געוואוסט: דאָס האָט מיר דאָס האַרץ שוין דעמאָלט געזאָגט, אַז איך וועל שוין שלמה׳קען און יאָסעלען קיינמאָל מער ניט זען, נאָר איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס האַרץ רעדט צו מיר.

שלמה׳קע איז אויף שבועות אויך ניט געקומען. אַ צוויי וואָכן פאַר שבועות איז זיין טאַטע פּלוצלונג געשטאָרבן, און אַזוי ווי נעכע רייזל האָט שוין מער קיינעם ניט געהאַט אין שטעטל, האָט זי פאַרקויפט איר שטיבל און איז אַוועקגעפאָרן און זיך באַזעצט אין דעם ישיבה־שטעטל, כדי צו זיין אינאיינעם מיט שלמהקען און ער זאָל ניט דאַרפן נעבעך עסן טעג ביי פרעמדע טישן. און יאָסעלע איז אויף שטענדיק געבליבן ביי זיין מומע.

י.

די גרויסע גניבה

פון דער גרויסער חברה „בני ציון וירושלים״ בין איך איינער אַצינד געבליבן אין שטעטל.

און די צען קאָפּיקעס?

זיי האָב איך געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. נאָר געהיט און געהיט, און פּאַרט ניט איינגעהיט!

אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, אַ פרייטאָג איז עס געווען, גיי איך צום טלית קטן אַרויסנעמען די גריווינקע צו באַהאַלטן אויף איבער שבת, ערשט ניטאָ די גריווינקע!

גוואַלד געשריען, וואו האָט עס געקענט אַהינקומען?! נאָר ווען איך וואָלט געקענט געוועין שרייען גוואַלד, וואָלט שוין גוט געווען: איך האָב נעבעך געמוזט פאַרבייסן די ליפּן און שטיקן דעם ווייטאָג אין זיך. איך האָב דען געקענט פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, אַרויסקומען מיט אַ מעשה

מיט צען קאָפּיקעס? און מיט אַ מעשה נורא, אַז מ׳האָט מיך באַ׳גנב׳עט?

מילא, אַ שבת האָב איך געהאַט, אַז אַזעלכע שבתים זאָלן זיך שוין מער ניט אומקערן. איך האָב געוואוסט, אַז שבת טאָר מען ניט זיין טרויעריק. איך בין אָבער פאָרט געווען טרויעריק. האָב איך דאָך געזען, אַז איך זינדיק, און דאָס האָט מיך נאָך טרויעריקער געמאַכט.

דער קאָפּ האָט זיך מיר געשפּאָלטן טראַכטנדיק וואָס ס׳האָט געקענט געשען מיט די צען קאָפּיקעס. אין געוועש איז דער טלית קטן יענע וואָך ניט געווען. קיין לעכעלע אין דער קעשינקע פונם ארבע כנפות האָב איך אויך ניט געפונען. טאָ וואָס־זשע האָט דער־מיט געטראָפן?

איך האָב געהאַט אַ חשד. און איך האָב נאָך היינט אויף דעם חשד. און ביז היינטיקן טאָג האָב איך עס קיינמאָל אויף די ליפּן ניט געבראַכט. נאָר היינט, אַזוי ווי עס קען אַרויסקומען אַ מוסר השכל פאַר אידישע קינ־דער, זאָג איך עס צום ערשטן מאָל אַרויס.

איך האָב חושד געווען, אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, ווי אַז ג ד ל י ה נאָסיע׳ס האָט עס גע׳לקח׳ענט.

אַריבער דער גאַס פון אונדזער הויז האָט געוואוינט אַ איד, ר׳ נאָסיע. און ער האָט געהאַט אַ אינגל ג ד ל י ה. און ווייל ער איז, פון אָרימקייט, געווען אַן אויסגעדאַרטער, האָט מען אים גערופן צ ו ם ג ד ל י ה. אַ וואויל אינגל געווען. שוין אַ היפש בחורל. ער האָט שוין דעמאָלט געלייגט תפילין. ער האָט אָבער געהאַט איין גרויסן חסרון: ער האָט זיך פאַרנומען אויף רויכערן. זיין טאַטע האָט טאַקע מיטן האַרבן וואָרט געזאָגט אויף ניט, אָבער גדליה האָט, בעוונותינו הרבים, ניט געפאָלגט. זיין עיקר ניט פאָלגן איז געווען דערפאַר וואָס זיין טאַטע אַליין האָט גערויכערט. פלעגט ער טענהן צום טאַטן מיט אַ גמרא־ניגון: „ווי אַזוי קענסטו, טאַטעניו, זאָגן, אַז רויכערן איז אַ שלעכטע זאַך, אַז אַט טוסטו רויכערן און דו ביסט אַזאַ זיסער טאַטע?"

נאָך מיט אַ חניפהלע פלעגט ער עס זאָגן. איז וואָס־זשע מיינט איר, האָט דער טאַטע טאַקע ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. נאָר קיין געלט אויף טאַבאַק האָט ער גדליהן ניט געגעבן. און ער האָט טאַקע ניט געהאַט צו געבן אויך, וואָרים ר׳ נאָסיע איז געווען אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. פלעגט גדליה שטענדיק אַרומגיין און נישטערן אַ פאַר גראָשן אויף טאַבאַק, און איז עובר געווען אויף כיבוד אָב.

און יענעם פרייטאָג אינדערפרי זיינען מיר געגאַנגען אַ חברה אינגלעך צום טייך זיך באָדן, זיך אויסבאָדן אויף שבת. גדליה איז אויך געווען אין דער חברה. נאָר ער איז פריער פון אַלעמען אַרויס פון וואַסער. אונדזערע אַלעמענס בגדים זיינען געלעגן אויפן ברעג. און מסתמא, אַז ער איז גע־גאַנגען אָנטאָן זיין טלית קטן און האָט על־פּי טעות אָנגעטראָפן צו מיינעם, האָט ער גראָד אָנגעטאַפּט די מטבע, האָט ער, נעביך, ניט געקענטביישטיין

דעם נסיון און האָט עס „געבאַרגט" אָן מיין וויסן.

ס'איז געווען פּשוט גע'גנב'עט, נאָר עס ווילט זיך ניט אַרויסריידן דאָס טרפנע וואָרט.

נו, אַוודאי, אַז מען איז עובר אויף כיבוד אָב, איז דען אַ חידוש אַז מען איז עובר אויף עפּעס אַנדערש אויך? כיבוד אָב שטייט דאָך פריער אויף די לוחות ווי לא תגנב...

נאָר וויבאַלד מ'האָט אַרויסגענומען ווען דער טלית קטן איז געלעגן אויפן ברעג, וואָס איז די ראיה, אַז גדליה האָט עס געטאָן? אפשר אימיצער אַנדערש?

איז כדי איר זאָלט ניט זיין קיין חושדים בכשרים וועל איך אייך געבן אַ זיכערע ראיה. גדליה, דאַרפט איר וויסן, פלעגט ניט רויכערן קיין גע־וויקלטע פּאַפּיראָסן, נאָר גילזן. ער פלעגט קויפן אַ שאַכטל גילזן באַזונדער, און אַ פּעקל טאַבאַק באַזונדער, און אַליין אויסשטאָפּן. פאַרוואָס, ווייס איך ניט. אפשר האָט עס געקאָסט וועלוועלער, און אפשר איז עס געווען „שענער"...

אין יענער צייט האָט איין גילזן פירמע אַנגעמאַכט אַ רעש מיט „פּרעמיעס", וואָס זי פלעגט אַריינלייגן אין די שאַכטלעך כדי צוצוציען קונים. אַלערליי צאַצקעס זיינען געווען די פּרעמיעס. דער עולם האָט זיך געקוואָפּעט אויף די פּרעמיעס און מ'האָט דערווייל געכאַפּט די גילזן.

האָט גדליה געקויפט אַ שאַכטל גילזן, און ס'איז דאָרט געלעגן אַ קליין ביכעלע. אַ קליינטשיק רוסיש ביכעלע. און ער האָט דאָס ביכעלע געגעבן מיר אַ מתנה.

וואָס עפּעס גראָד מיר? איך האָב ביי זיך אין געדאַנק צונויפגעלייגט צוויי מיט צוויי און געטראַכט: איצט ווייס איך געוויס אַז דאָס האָט ער אַרויסגענומען די צען קאָפּיקעס. מיט מיינע צען קאָפּיקעס האָט ער גע־קויפט די גילזן, און מיט דעם ביכעלע, וואָס ער גיט מיר, שלאָגט ער זיך עס על חטא...

אַזוי האָב איך געטראַכט, און אין האַרצן האָט מיין נשמה שטיל גע־וויינט: אַזעלכע הייליקע צען קאָפּיקעס אַוועק מיטן רויך!.. און וואו וועל איך איצט נעמען אַנדערע צען קאָפּיקעס?

„רשע!" — האָב איך געקריצט מיט די ציינדלעך אויף גדליהן, ווען ער פלעגט ניט זען.

רוסיש האָב איך געלייענט ווי אַ וואַסער, האָב איך גענומען אַריינקוקן אין דעם ביכעלע. און איך בין באַלד שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן. און אַז.כ'האָב עס איבערגעלייענט אינגאַנצן, איז מיר געוואָרן מאָדנע ליכטיק אין קאָפּ און גרינג אויפן האַרצן. מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז די גאַנצע מעשה מיטן לקח'ענען די צען קאָפּיקעס איז נאָר געווען ווי עפּעס אַ זאַך פון דער

השגחה: אַזוי ווי מ׳וואָלט פון הימל מיר געוואָלט עפּעס געבן צו פאַר־שטיין...

ס׳איז געווען אַ ביכעלע מיט אַ שיין מעשה׳לע.

די מעשהלע האָט געהייסן: „צי דאַרף דען דער מענטש אַ סך ערד?" און דער שרייבער איז געווען טאָלסטאָי. היינט ווייס איך ווער טאָלסטאָי איז, נאָר דעמאָלט איז מיר נאָר אַנגעגאַנגען די מעשהלע. און אָט וואָס די מעשהלע האָט דערציילט:

צו אַ פּויער איז מען געקומען און מען האָט אים געזאָגט: מ׳וועט דיר געבן אַזוי פיל ערד, וויפיל דו וועסט קענען אַרומגיין צופוס אין איין טאָג צייט, פון זונענאויפגאַנג ביז זונענאונטערגאַנג. גאַנץ פרי, שפּראַץ אויף טאָג, האָט זיך דער פּויער אַרויסגעלאָזט אין גאַנג. ער איז געגאַנגען זייער פריילעך און זייער גיך, טראַכטענדיק: וואָס מער איך וועל איינגיין, אַלץ מער ערד וועל איך האָבן. אַ שפּאַן מיט די פיס מער און נאָך אַ שטיק ערד איז מיינס.

עס איז שוין בייטאָג, עס איז שוין פאַרנאַכט, און דער פּויער גייט און גייט אָן אַן אָפּשטעל. ער קוקט צו דער זון. זי נויגט זיך שוין צו מערב, און אים זיינען שוין די כחות שוואַך, אָבער ער שטאַרקט זיך און גייט ווייטער. ער וויל איינגיין וואָס מער, כדי אַריינצוכאַפּן וואָס מער ערד. עס פעלט אים שוין באַלד אויס אָטעם, אָבער ער זאָגט ניט גענוג. די זון זעט זיך נאָך אַרויס איבערן האָריזאָנט, דאַרף מען שפּאַנען ווייטער. נאָך אַ שפּאַן און נאָך אַ שפּאַן, און אָט — טראַכט ער — וועט ער מאַכן נאָך אַ שפּאַן, ביז אַהין דאָרט, וואו עס דוכט זיך אים עס ליגט גאָר אַ פעט שטיקל ערד, נאָר ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין פוס צום לעצטן שפּאַן איז ער פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן. און דעמאָלט האָט ער שוין ניט געדאַרפט קיין סך ערד. פיר איילן אויף אַ קבר איז אַלץ וואָס ער האָט געקראָגן.

ס׳איז געווען די ערשטע זאַך אין מיין לעבן וואָס איז דערגאַנגען צו מיר פון דער וועלט־ליטעראַטור. נאָר דאָס וואָרט „ליטעראַטור" האָב איך נאָך דעמאָלט ניט געקענט.

געלייענט האָב איך די מעשהלע אין אָוונט אויפן געלעגער. און אַז איך האָב איבערגעלייענט ביזן סוף האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַזאַ פרייד, אַז איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אין איין העמד זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן. די מאַמע האָט ניט געוואוסט וואָס מיט מיר איז געשען. „וואָס איז מיט דיר?" — איז זי צוגעלאָפן און מיך אָפּגעשטעלט — „דו האָסט פאַר־געסן, אַז דו האָסט געלייענט קריאת שמע, און נאָך קריאת שמע מוז מען ליגן אין בעט און שלאָפן, ניט גיין טאַנצן ווי אַ משוגענער אינמיטן נאַכט?"

וואָס איז טאַקע געווען מיט מיר די גדולה? — וועט איר פרעגן. וועל איך אייך ענטפערן: דאָס שיינע מעשהלע האָט זיך מיר אויסגעדוכט

ווי אַ משל אויפֿן טערק מיט ארץ ישראל. ווי קומט דער טערק קיין ארץ ישראל? וואָס האָט דער טערק צו טאָן מיט ארץ ישראל, און וואָס האָט ארץ ישראל צו טאָן מיטן טערק? קנאַפּ אייגענע ערד פֿאַרמאָגט ער? צי דאַרף דען דער מענטש האָבן אַ סך ערד? אלא וואָס דען, דער טערק איז געווען אַזוי ווי יענער פֿויער, געוואָלט אַריינכאַפּן אַלץ מער און מער, ניט געקענט אָנזעטיקן די טרפֿענע האַלז, איז ער געקומען און האָט איינגענומען ארץ ישראל אויך, יעקבֿס נחלה. נאָר סוף גנב לתליה. אַזוי ווי דער פֿויער איז געפֿאַלן, אַזוי וועט דער טערק אויך פֿאַלן, און ארץ ישראל וועט צוריק ווערן יעקבֿס נחלה, ווי גאָט האָט געבאָטן...

אָט דאָס האָב איך אַרויסגעלייענט פֿון יענעם מעשהלע, און דערפֿאַר בין איך געגאַנגען טאַנצן. נאָר, אַז די מאַמע האָט מיך געפֿרעגט, האָב איך ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

„אַך, ווען שלמהקע איז אַצינד דאָ" — האָב איך געטראַכט — „אָדער יאָסעלע, זיי וואָלטן פֿאַרשטאַנען, און זיי וואָלטן אויך געגאַנגען מיט מיר טאַנצן".

און איך האָב זיך דערמאָנט ווי איינמאָל האָט שלמה'קע אַרויסגענומען אַ חומש און האָט אויפֿגעמישט אין ספֿר דברים, און האָט גענומען פֿון דאָרט אַ פּסוק. איך האָב אַפֿילו געדענקט דעם פּסוק, ווייל איך האָב עס שוין שפּעטער אַליין אויך געלערנט אין חומש. און אַזוי האָט געזאָגט דער פּסוק: „בהנחל עליון גוים, ווען דער אויבערשטער האָט צעטיילט די וועלט צו די פֿעלקער"... און שלמה'קע האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, און האָט זיך צעזונגען מיט אַ ניגון, אַזוי ווי אַ מגיד אין בית מדרש, און האָט גערעדט און גערעדט און געזאָגט: און הקדוש ברוך הוא האָט צעשפּרייט די מענטשן אויף דער וועלט, און האָט געמאַכט פֿון זיי באַזונדערע פֿעלקער, און צו יעדן פֿאָלק האָט הקב"ה געגעבן אַ באַזונדער שטיק לאַנד, און צוזאַמען זיינען געווען זיבעציק פֿעלקער, דיזעלבע צאָל וואָס עס זיינען געווען די קינדער פֿון יעקב אָבינו ווען זיי זיינען געקומען קיין מצרים, און דער אויבערשטער האָט געמאַכט גרעניצן צווישן די פֿעלקער, און אויב איין פֿאָלק גייט אַריין אין די גרעניצן פֿון אַן אַנדער פֿאָלק האָט עס אַ ביטערן פּסק... אַך, ווי פֿיל שלמה'קע האָט עס געקענט אָנריידן אויף איין פּסוק פֿון דער תורה!.. און דאָס רוסישע מעשה'לע, האָב איך געטראַכט, האָט זיך אַוודאי אויך גע־נומען פֿון דער תורה.

אָבער גוואַלד, וואו איז אַצינד געווען שלמהקע? און יאָסעלע? און וואו זיינען אַצינד געווען די צען קאָפּיקעס?

יענע נאַכט בין איך גאַנץ ווייניק געשלאָפֿן. איך בין געלעגן און האָב אַלץ געטראַכט: ווי אַזוי שאַפֿט מען נייע צען קאָפּיקעס? דאָס געלט מוז ווערן, דאָס בין איך געווען פֿעסט אַנטשלאָסן. אידיש געלט דאַרף מען

שאַנעווען — אַזוי האָב איך געהערט מיין פעטער דעם רב זאָגן. אַ חוב מוז מען באַצאָלן. אַ פּקדון מוז מען אומקערן.

אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען, אויף גיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, האָב אָנגעגורט די לענדן און בין מיט גרויס חשק אַוועקגעלאָפן אין חדר אַריין. דאָ האָבן מיר געשמאַק אָפּגעדאַוונט, און אויסער דעם לערנען האָב איך אַ גאַנצן טאָג געזאָגט תהלים. איך האָב מתפלל געווען אויף אַ ישועה פון דעם אויבערשטן. און מיין האַרץ איז מיר רואיק געוואָרן. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל, מיט גאָטס הילף, באַצאָלן דעם חוב.

און וואָס זאָל איך אייך, ליבע אידן, אַ סך ברייען? איך האָב ווידער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דעם יאָך פון פרנסה, און ביסלעכוויז, אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אין דער שטיל, קיינער זאָל גאָרניט חושד זיין, האָב איך אָנגעקליבן נייע צען קאָפּיקעס.

אַזוי ווי יעקב אָבינו האָט געדינט זיבן יאָר פאַר לאהן און נאָך זיבן יאָר פאַר רחלען, אַזוי האָב איך צוויי מאָל געדינט פאַר די צען קאָפּיקעס. דאָס סאַמע ערשטע מאָל רעכן איך ניט. און ווען איך זאָל אייך דערציילן די גלגולים וואָס איך בין זיך אויסגעשטאַנען פון יעדער פרישער קאָפּיקע באַזונדער, וואָלט ווידער געווען אַ מעשה מיט צען קאָפּיקעס . . .

און פון אַצינד אָן האָב איך שוין דאָס געלט גאָר טייער געהאַלטן, אָפּגעהיט און לסוף ערלעך באַצאָלט! און טאַקע אַוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל! אי די צען קאָפּיקעס, אי דעם רובל, וואָס איך האָב אין דער גרויסער עת צרה אַ נדר געטאָן צו געבן.

נאָר אָפּגעצאָלט און אַוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל האָב איך ערשט ווען איך בין שוין, אַלס היפשער בחורל, געקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָב איך געפונען ציוניסטישע חברות לרוב, און דאָ האָב איך שוין געלערנט ווי אַזוי מ׳שיקט געלט קיין ארץ ישראל.

נאָר דאָ איז ערשט געוואָרן אַ נייע געשיכטע: דאָס רוסישע געלט האָט ניט געטויגט! די צען קאָפּיקעס און דער רובל, וואָס איך האָב שטענדיק געהאַלטן אין אַ באַזונדער קניפּעלע. איך האָב גאָר געמוזט אַריבערגיין אויף אַמעריקאַניש געלט! און ס׳איז געווען אַ נייער עסק מיט די צען קאָפּיקעס.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע זיינען שוין דאָ געווען פון פריער מיין עלטסטער ברודער דוד לייב, מיין עלטסטע שוועסטער פריידל, און אברהמל און מאָטל. און קיין געלט האָט מיר ניט געפעלט. אָבער די צען קאָפּיקעס און דעם נדר־רובל האָב איך געוואָלט באַצאָלן נאָר פון אייגענער פּראַצע. אינגיכן בין איך אַוועק אין אַ שאַפּ אַרבעטן. איך בין אַוועק זיך לערנען ביי טשעמאָדאַנעס. און די ערשטע וואָך האָב איך געקראָגן צוויי דאָלער.

אַט דאָס געלט גייט פאַר ארץ ישראל, האָב איך באַשלאָסן, דאָ ווערט סוף כל סוף אָפּגעצאָלט דער אַלטער, הייליקער חוב!

קוים דערוואַרט שבת צונאַכטס, בין איך אַוועקגעלאָפן צו אַ ציוניס־טישן מיטינג. דאָרט האָט מען געהאַלטן שיינע רעדעס און מען האָט גע־קליבן געלט פאַר ארץ ישראל. איך האָב גאָרניט געוואַרט מ׳זאָל צוקומען צו מיר מיט דער בלוי־ווייסער פושקע. איך בין אַליין צוגעלאָפן און האָב גענומען אַריינוואַרפן מטבע נאָך מטבע. די הענט האָבן מיר אַזש געציטערט און אַ פאָר מאָל איז מיר די מטבע אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. און בשעת איך האָב געגעבן, האָב איך מיט דער גאַנצער נשמה מכוון געווען, אַז דאָס גיב איך אָפּ יענע צען קאָפּיקעס.

און איך האָב מכוון געווען, מיט גרויס כוונה, אַז דאָס גיב איך פאַר זיך, און פאַר שלמה׳קען און פאַר יאָסעלען.

עס איז געווען אַ הייליקע רגע אין מיין לעבן. הימל און ערד זיינען עדות, האָב איך געטראַכט, אַז איך קער היינט אום דעם פקדון, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין מיינע הענט. און איך בין געווען עפּעס זיכער, אַז שלמהקע און יאָסעלע, וואו זיי זיינען אין יענער רגע דאָרט ערגעץ ניט געווען, האָבן דערפילט אַז איך פאַרענדיק מיין הייליקע שליחות.

און אַט דאָס, ליבע אידן, איז די מעשה מיט די צען קאָפּיקעס...

אָרימינקע, דלותדיקע צען קאָפּיקעס! אָפּקויפן מיט זיי ארץ ישראל ביי דעם טערק האָט מען אַוודאי ניט געקענט, און אויפבויען דערפער און שטעט מיט זיי האָבן זיי אויך ניט געקלעקט. אָבער עטלעכע זעמדעלעך אין ארץ ישראל האָבן זיי דאָך געוויס אויסגעקויפט און אויסגעלייזט. און היינט, בין איך זיכער, ווען עס קומט דער ליבער זומער אין ארץ ישראל, וואַקסן עטלעכע גרעזעלעך אויף יענע עטלעכע זעמדעלעך. אפשר ניט קיין סך גרעזעלעך, נאָר דריי געוויס:

איינס פאַר שלמה׳קען, איינס פאַר יאָסעלען, און איינס פאַר מיר...

און אַזוי וועלן זיי שוין דאָרט, אונטער דעם אויבערשטנס השגחה, אייביק וואַקסן. און ווען מיר וועלן שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט זיין, וועלן זיי דאָרט וואַקסן און וואַקסן, די דריי גרעזעלעך:

איינס נאָך שלמהקען, איינס נאָך יאָסעלען, און איינס נאָך מיר...

אַ מאָנומענטאַלע געשיכטע פון דער
צווייטער וועלט־מלחמה

„ווען די וועלט האָט געברענט‟

פון

פון חיים ליבערמאַן

אין אַ לייכטער און וואַרעמער שפּראַך, אין אַ לויטערן און דערהויבענעם סטיל, מיט געוואַלטיגע בילדער און הויכער מחשבה, ווערט דאָ דורכגעפירט לעבעדיג פאַר די אויגן דער גרויסער וועלט־קאַמף, אין וועלכן דאָס סאַמע לעבן פון אידישן פאָלק איז געשטאַנען אין קאָן. דער קאַמף פון פעלקער, די שטרייטן פון אַרמייען, דער געראַנגל פון אידישן פאָלק פאַר זיין קיום, דאָס אַלץ איז געזען מיט אַ אידישער אויג, דורכגעפילט מיט אַ טיף אידיש האַרץ, און געשילדערט מיט אומפאַרגלייכלעכער מייסטערשאַפט פון אַ אידישער פעדער.

אַ אידישע געשיכטע
פון דעם צווייטען וועלט־קריג

אַ ווערק ניט אויף אַ טאָג, און ניט אויף אַ יאָר,
נאָר אויף דורות

צוויי בענדער פון קרוב 1,200 זייטן, דויערהאַפט געבונדן

פרייז 10 דאָלאַר

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען און אין אָפיס פון „פאָרווערטס‟

און אין דער ביכער האַנדלונג פון

OM PUBLISHING CO.

22 Ludlow Street — New York 2, N. Y.

דריי נייע ביכער

פון

דר. אהרן ראָזמאַרין

לכבוד שבת

אייגנאַרטיקע געדאַנקען אויף אַלע פיר און פופציק סדרות, און אויף מאַנכע ימים טובים, וואָס שפרודלען מיט תורה און חכמה פון אונ־דזערע חכמים, גאונים און גדולי התורה ז״ל, און ענטהאַלטן הונדער־טער אויסערגעווייינלעך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון גדולי ישראל, משלים, מאמרי חז״ל און גלאַט גוטע ווערטלעך. פיר הונדערט זייטן.

פּרייז — $5.00

חיים ליבערמאַן זאָגט :

... „אַ ספר אָנגעפּיקעוועט מיט מעשהלעך ווי אַ מילגרוים מיט קערנער ...״

די שיינקייט פון אידענטום

דאָס בוך שילדערט אויף אַ העכסט אינטערעסאַנטן אופן „די באַציהונג פון מענטש צו מענטש לויט דער אידישער לערע״, און באַהאַנדלט אויף אַ פּאָפּולערן אופן אַזעלכע וויכטיקע און אינטערע־סאַנטע טעמעס ווי וואָס די אידישע לערע האָט צו זאָגן וועגן : אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און חניפה, לשון הרע, ליבשאַפט און פיינטשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסד און פּראַצענט, צדקה, פאַרגעניגן און מקנא זיין, רעספּעקטירן און באַליידיקן, באַשיידנהייט און חוצפה, געדולד און אויפרעגונג, אייניקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און עם הארצות, לערער און פירער, אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, די פרוי, שלום און מחלוקת, דעמאָקראַטיע און נאָך וויכטיקע טעמעס. דאָס בוך איז זעהר באַלערנד און אינפאָרמאַטיוו. עס ברענגט קלאָר אַרויס די טיפזיני־קייט און פּרעכטיקייט פון דער אידישער לערע, און עס איז אַן אונערשעפּלעכער קוואַל פון וויסן.

פּרייז — $2.25

חיים ליבערמאַן זאָגט :

... „אויף אַ זייער פּאָפּולערן, לייכט פאַרשטענדלעכן אופן גיט איבער דער פאַרפאַסער די וויכטיקסטע מאָראַלישע לערעס פון אידנטום ...״

GOLDEN RULES

אינהאַלט דער זעלבער וואָס אין „די שיינקייט פון אידנטום״

פּרייז — $2.50

OM PUBLISHING CO.

22 Ludlow Street New York 2, N. Y.